STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11612

EMILYE GALOTI

Gotthold Ephraim Lessing

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גאטהאלד אפרים לעססינג

עמיליע גאלאטי

טראגעדיע אין פינף אקטען

אידיש פון

ש. יודסאָן

ארויסגעגעבען פון פערלאג „מעהר ליכט“

ניו־יאָרק, 1911.

פרייז 25 סענט

עמיליע גאלאטי

פערזאָנען:

עמיליע גאלאָטי.

אָדאָארדאָ גאלאָטי } עמיליע׳ס עלטערן.
קלאודיא „ }

העטאָרע גאָנצאגאָ, פרינץ פון גוסטאַלא.

מארינעלי, דעם פרינץ׳ס קאַמערהערר.

קאמילא ראָטא, איינער פון דעם פרינץ׳ס סעקרעטערע.

קאָנטי, אַ מאַהלער.

גראַף אפיאני.

גרעפין אָרסינא.

אנדשעלאָ און איינינע בעדיענטע.

ערשטער אַקט.

(די סצענע קומט פאָר אין קאַבינעט פון'ם פרינץ.)

ערשטער אויפטריט.

דער פרינץ. (ביי אַ שרייב־טיש פול מיט פאַפּיערען און ביט־שריפטען, אייניגע פון וועלכע ער קוקט דורך איילענדיג.)

קלאַגעס, קיין אנדער זאך ניט ווי נאר קלאַגעס! בקשות, קיין אנדער זאך ניט ווי נאר בקשות! — די טרויעריגע געשעפטען, און מען איז אונז נאך מקנא — דאס גלויב איך; ווען מיר וואָלטען נאר געקענט אַלעמען העלפען, דאן וואלט מען אונז טאקי געמעגט מקנא זיין. — עמיליע? (עפענענדיג נאך איינעם פון די ביטשריפטען און בע־טראכטענדיג דעם נאמען פון דעם אונטערשרייבער.) עמיליע? — אבער ס'איז נאר עמיליע ברונעסקי, — ניט גאַלאָטי... ניט עמיליע גאַלאָטי! — וואס וויל זי די דאזיגע עמיליע ברונעסקי? (ער לעזט.) פיעל פערלאַנגט, זעהר פיעל! אבער, זי הייסט עמיליע. זאָל איהר פערלאַנג געשעהן! (ער שרייבט אונטער דאס פּאַפּיער און קלינגט אָן, אַ קאַמערדיענער ערשיינט.) איז נאך קיינער ניטא פון די סעקרעטארען אין פאָדערצימער?

דער קאַמערדיענער. ניין.

דער פרינץ. איך האב צו פריה דעם טאָג אנגעהויבען. — דער פריהמאָרגען איז אזוי שעהן. איך וויל זיך דורכפאָהרען.

מארקיז מארינעלי זאָל מיר באגלייטען. לאזט איהם רופען. (דער קאָמערדיענער געהט אב.) — איך קען מעהר ניט ארבייטען. — איך בין אזוי רוהיג געווען, לכל הפחות האב איך געמיינט אז איך בין רוהיג — מיט אמאל דאַרף אַן ארעמע ברונעסקי הייסען עמיליע; און פערשוואונדען איז מיין רוה און אַלץ מיט אנאנדער.

דער קאַמערדיענער. (קומט וויעדער אריין.) נאָך'ן מארקיז האט מען שוין געשיקט, און דא איז אַ בריעף פון דער גרעפין אָרסינאַ.

דער פּרינץ. פון אָרסינאַ? לעגט איהם אוועק.

דער קאַמערדיענער. איהר שליח ווארט דאָ.

דער פּרינץ. איך וועל דעם ענטפער שיקען אויב ס'וועט זיין נויטיג. — וואו איז זי? אין שטאָדט, אָדער אויף איהר ווילאַ?

דער קאַמערדיענער. זי איז נעכטען געקומען אין שטאָדט.

דער פּרינץ. איז נאָך ערגער — נאָך בעסער, האב איך געוואלט זאגען, און נאָך וועניגער איז נויטיג פאר'ן שליח דאָ צו ווארטען. (דער קאַמערדיענער געהט אב.) מיין טהייערע גרעפין! (ערביטערט, נעהמענדיג דעם בריעף אין האנד.) שוין אַזוי גוט ווי געלעזען! (ווארפט איהם וויעדער אוועק.) — נו יא, איך האב געגלויבט אז איך ליעב זי! וואס אלץ גלויבט מען דען ניט! מעגליך אז איך האב זי טאקי אין דער אמת'ן ליעב געהאט, אבער — איך האב, יא, געהאט ליעב אמאָל...

דער קאַמערדיענער. (קומט נאָך אמאל אריין.) דער מאָהלער קאָנטי בעט די ערלויבענים...

דער פּרינץ. קאָנטי? זעהר גוט; לאז איהם אריינקומען — ס'וועט מיר ברייננען אנדערע געדאנקען אין קאָפּ. — (שטעהט אויף.)

צווייטער אויפטריט.

קאנטי. דער פרינץ.

דער פרינץ. גוט מארגען, קאנטי, ווי געהט'ס אייך? וואס מאכט די קונסט?

קאנטי. פרינץ, די קונסט געהט זוכען ברויט.

דער פרינץ. דאס דארף זי ניט, דאס זאל זי ניט טהאן — אין מיין קליינער מדינה געוויס ניט. — אבער דער קינסטלער מוז וועלען ארבייטען.

קאנטי. ארבייטען? דאס איז דאך זיין באגעהר. אבער מוזען ארבייטען צופיעל, קען איהם נאך מאכען אויס קינסטלער.

דער פרינץ. איך מיין ניט ארבייטען פיעל, נאר פיעל אויפטהאן; א ביסעלע, אבער פלייסיג. איהר קומט געוויס ניט מיט ליידיגען, קאנטי?

קאנטי. איך ברייננ דאס בילד וואס איהר האט מיר בע־פאהלען צו מאכען, גנעדיגער הערר, און ברייננ נאך איינס וואס איהר האט ניט בעפאהלען, נאר וויל עס פערדיענט מען זאל עס אנקוקען —

דער פרינץ. יענעס איז פון... איך קען זיך קוים דערמאַ־נען — פון...

קאנטי. פון גרעפין ארסינא.

דער פרינץ. אמת! — די בעשטעלונג איז אבער שוין א ביסעל צו אלט.

קאנטי. אונזערע שעהנע דאמען קען מען ניט מאהלען יע־דען טאג. זייט מאנאטען האט זיך די גרעפין קוים איין מאל גע־קענט בעשליסען פאר מיר צו זיצען.

דער פרינץ. וואו זיינען די בילדער?

קאנטי. אין פאדערצימער; איך ברייננ זיי גלייך אריין.

דריטער אויפטריט.

דער פרינץ.

איהר בילד! — מהיכא תיתא! נאך אלעמען איז איהר בילד דאך ניט זי אליין. — און פיעלייכט וועל איך וויעדערגעפינען אין'ם בילד דאס וואס איך זעה ניט מעהר אין דער פערזאָן. — אבער, איך וויל עס ניט צוריק געפינען. — א אָנשיקעניעס פון א מאהלער! איך גלויב אז זי האט איהם גאר אונטערגעקויפט. — ווען עס וואלט נאך אזוי געווען! ווען אן אנדער בילד, געמאלט מיט אנדערע פאר־בען אויף אן אנדער הינטערגרונד, — וואלט געקומען מאכען פאר איהר פון דאס ניי א פלאץ אין מיין הארצען; דאן גלויב איך ווירק־ליך, אז איך וואלט געווען צופריעדען. ווען איך האב דארט געליעבט, איז מיר אימער געווען אזוי לייכט; איך בין געווען אזוי פרעהליך, אזוי אויפגעראמט. — איצט בין איך דאס געגענטהייל פון אלעם דעם. — אבער ניין, ניין! בעקוועמער אדער ניט בעק־וועמער; ס'איז מיר בעסער אזוי.

פערטער אויפטריט.

דער פרינץ. קאָנטי מיט די בילדער, איינס פון וועלכע ער האט אומגעקעהרט און אנגעשפארט אן א שטוהל.

קאָנטי. (איבערשטעלענדיג דאס בילד מיט'ן פנים ארויף.) איך בעט אייך, פרינץ, די בעגרענצונג פון אונזער קונסט אין זינען צו האבען. פיעלע פון די שעהנסטע שטריכען פון שעהנהייט, ליעגען אויסער די דאָזיגע גרעניצען. — שטעלט זיך נאָר אקאָרשט אהער!...

דער פרינץ. (נאך קורצער בעטראכטונג.) זעהר גוט, קאָנטי,

אויסגעצייכענט ! — איך מיין, אייער קונסט, אייער פּענזיל. — אָבער גע'חנפ'עט, קאָנטי, גע'חנפ'עט אָהן א מאָס !

ק אָ נ ט י. דער אָריגינאַל האט הפּנים ניט געהאט די זעלבע מיינונג. און איבערהויפּט איז עס ניט מעהר גע'חנפ'עט ווי די קונסט איז מחויב צו חנפ'ענען. די קונסט מוז מאהלען ווי די קינסטלערישע נאַטור — אויב עס איז אזא זאך איבערהויפּט פאַרהאַן — האט זיך דאס בילד לכתחילה פאָרגעשטעלט, אָהן די פעהלערען וועלכע דער הארטנעקיגער שטאָף מאכט אונפערמיידליך, און אָהן דער פאַרקריפּ־לונג מיט וועלכער די צייט קעמפּפט געגען איהם.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. און דער דענקענדער קינסטלער איז דאָפּעל מעהר ווערטה. — אבער דאס אָריגינאַל, זאגט איהר, האט ניט אבטענדיג דארויף, געפונען —

ק אָ נ ט י. פערצייהעט מיר, פּרינץ ! דאס אָריגינאַל איז א פּערזאָן וועלכע איך דארף עהרען. איך האב פון איהר קיין שלעכ־טעס ניט געוואלט זאגען.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. וויפיעל איהר ווילט אייך אליין ! — און וואס האט דאס אָריגינאַל געזאגט ?

ק אָ נ ט י. „איך בין צופריעדען,“ האט די גרעפין געזאגט, „וואס איך זעה ניט אויס העסליכער.“

ד ע ר פּ ר י נ ץ. „ניט העסליכער ?“ — אָה, דאס אמת'ע אָריגינאַל !

ק אָ נ ט י. און מיט א מינע האט זי דאס געזאגט, — פון וועלכער, די דאָזיגע בילד איהרע, צייגט קיין שום שפּור ניט און קיין פערדאַכט.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. דאס האב איך דאך געמיינט ! דאָ איז דאך טאקי, וואו איך געפין די אונענדליכע שמייכלעריי. אָה ! איך קען זי, די שפּאָטישע מינע, וואס וואלט געקענט מיאוס מאכען דאס פּנים פון דער גרעסטער שעהנהייט ! איך לייקען ניט, דאס א שעהנער מויל

וואס פערקרימט זיך אביסעל שפּאָטיש, קוקט גאר אָפּט אויס דורך דעם פיעל שעהנער. אָבער מערקט נאָר גוט, בלויז א ביסעל; די פער־קרימונג דארף ניט געהן אזוי ווייט ביז ס'ווערט גרימאסע, ווי ביי די־זער גרעפין; און א פּאָאר אויגען מוזען אויף'ן לוסטיגען אָפּלאַבער אויפפּאַסען, — אויגען, אזעלכע ווי די גוטע גרעפין האט גראדע גאָר ניט, האט ניט אפילו דאָ אין דיזען בילד.

קאָנטי גנעדיגער העדר! איך בין אויף דאס העכסטע ערשטוינט!...

דער פּרינץ. און איבער וואס? וואס נאר עפּעס רעכטס די קונסט האט געקענט מאכען פון די גרויסע, אויסגעגלאָצטע, אָק־סענע, שטאררע מעדוזען־אויגען פון דער גרעפין, האט איהר, קאָנטי, דערפון עהרליך געמאכט. — עהרליך, זאג איך? — ניט אזוי עהר־ליך, וואלט געווען נאך עהרליכער. דען, זאגט נאָר אליין, קאָנטי, לאזט זיך דען ריכטיג פון דעם בילד, דאס כאראקטער פון דער גרע־פין דערקענען? און דאס האט עס דאָך געזאלט. איהר האט פער־וואנדעלט שטאָלץ אין ווירדע, שפּאָט אין א זיסען שמייכעל, די נייגונג צו פינסטערער מרה־שחורה אין א מילדען קומער.

קאָנטי. (א ביסעל געערגערט.) אָה! מיין פּרינץ. — מיר מאָהלער, ערווארטען, אז דאס פארטיגע בילד, זאל דעם ליעבהאבער נאך געפינען אזוי ווארעם, ווי ווארעם ער האט עס בעשטעלט. מיר מאהלען מיט אויגען פון ליעבע, און אויגען פון ליעבע מוזען אונז אויך נאָר אורטהיילען.

דער פּרינץ. נו יא, קאָנטי, — ווארום זייט איהר מיט דעם מיט א מאָנאט צוריק ניט געקומען? — שטעלט עס אוועק אן א זייט. — וואס איז דאס צווייטע בילד?

קאָנטי. (אינדעם ער דערלאנגט עס און האלט עס נאך אַלץ אומגע־קעהרטער הייד.) אויך א בילד פון א פרוי.

דער פּרינץ. אויב אזוי וואלט איך עס בעסער איצט ניט

אַנקוקען. דען צום אידעאַל דא (צייגט מיט'ן פינגער אויף'ן שטערן.) — אדער ריכטיגער פיליכט, דא (אָנצייגענדיג אויף'ן הארץ.) קומט עס דאך אַליין ניט... איך וואלט זיך געוואונשען, קאָנטי, אייער קונסט אין אַנ־דערע ווערק צו בעוואונדערן.

ק אָ נ ט י. עס איז דא קונסט, וועלבע ס'איז מעהר ווערטה צו בעוואונדערן, אבער ס'איז געווים ניטא א געגענשטאַנד וואס זאָל זיין מעהר בעוואונדערנסווערטה ווי דער דאזיגער.

ד ע ר פ ר י נ ץ. אויב אזוי, קאָנטי, וועט איך זיך, אז דאס איז דעם קינסטלערס איינענע בעהערשערין. — (אין דעם האט דער מאַלער דאס בילד אומגעקערהט.) וואס זעה איך? אייער ארבייט, קאָנטי, אדער דאס האט מיין פאַנטאַזיע בעשאַפען? — עמיליע גאַלאָטי!

ק אָ נ ט י. ווי, מיין פרינץ, איהר קענט דעם דאזיגען מלאך?

ד ע ר פ ר י נ ץ. (זוכט זיך צו בעהערשען, אבער נעהמט פון בילד קיין אויג ארונטער.) אביסעל! אום זי ערשט ווידער צו קענען... עס איז שוין איינינע וואכען זייט איך האב זי מיט איהר מוטער אין א אָבענד־געזעלשאַפט געטראָפען... נאכהער האב איך זי ווידער בעגע־גענט אין היילינע פלעצער — וואו עס האט ניט געפּאַסט זי גוט אנצוקוקען. איך קען אויך איהר פאָטער. ער איז מיינער ניט קיין פריינד. ער איז'ס דעריעניגער, וועלכער איז געוועזן אם מייסטען דאגע־גען מיינע אנשפּרעכען אויף סאַביאָנעטא. אן אַלטער קריעגס־מאַן, שטאָלץ און רויה, זאָנסט איז ער א בראַווער און גוטער מאַן! —

ק אָ נ ט י. דער פאָטער! אבער דא האבען מיר זיין טאכטער.

ד ע ר פ ר י נ ץ. ביי גאָט! ווי פון שפּיגעל ארויסגע'גנב'עט! (די אויגען נאך אַלץ אויף'ן בילד געווענדט.) אָה, איהר ווייסט עס דאך גוט, קאָנטי, דאס ערשט דאן דארף מען דעם קינסטלער לויבען, ווען צוליעב זיין ווערק פערגעסט מען איהם אַליין צו לויבען.

ק אָ נ ט י. דאך אזוי, האט מיר ס'דאזיגע ווערק זעהר אונ־צופריעדען מיט זיך אַליין געלאזען... און דאך, בין איך זעהר

צופריעדען מיט מיין אונצופריעדענהייט מיט זיך אליין. — אָ, וואָרום קענען מיר ניט מאָלען מיט די אויגען? אויף דעם לאַנגען וועג, פון'ם אויג דורך'ן אָרעם ביז צו דעם פּינזעל, וויפיעל געהט פערלאָהרען! אבער, ווי איך זאג: ווייל איך ווייס וואס דא איז געגאנגען פערלאָהרען, און ווי עס איז געגאנגען פערלאהרען, און וואָרום עס האט געמוזט געהן פערלאהרען; דאס מאַכט מיך שטאָלץ, און איך שטאָלציר דערמיט אזוי ווי איך שטאָלציר מיט אלעס, וואס איך האב ניט געלאָזט געהן פערלאהרען. דען, פון יענעם ערקען איך מעהר ווי פון דיזע, דאס איך בין ווירקליך א גרויסער מאלער; דאס מיין האנד נאר איז ניט אימער... — אדער, מיינט איהר אפשר, פּרינץ, אז ווען ראַפאַעל וואלט אונגליקליכערווייזע געבאָרען געוואָרען אָהן הענד, וואלט ער ניט געוועזען דער גרעסטער מאלער-זשעניע? דענקט איהר אזוי פּרינץ?

דער פּרינץ. (נאָר־וואס אוועקקוקענדיג פון בילד.) וואס זאגט איהר, קאָנטי? וואס ווילט איהר וויסען?

קאָנטי. אָה, גאָרנישט, גאָרנישט! פּלוידעריי. אייער נשמה, בעמערק איך, איז געוועזען אין גאנצען אין אייערע אויגען. איך ליעב אזעלכע נשמות און אזעלכע אויגען.

דער פּרינץ. (מיט א געצוואונגענער קאַלטבלוטיגקייט.) אלזא, קאָנטי, רעכענט איהר דאך ווירקליך עמיליע גאַלאָטי צווישען די אויס־געצייכענסטע שעהנהייטען פון אונזער שטאָדט?

קאָנטי. אלזא? צווישען? צווישען די אויסגעצייכענסטע? און די אויסגעצייכענסטע פון אונזער שטאָדט? איהר טרייבט שפּאַס מיט מיר, פּרינץ. אדער, איהר האט געקוקט אזוי ווייניג, ווי ווייניג איהר האט זיך צוגעהערט.

דער פּרינץ. ליעבער קאָנטי, — (קוקענדיג ווידער אויף'ן בילד.) ווי קענען אונזערע מענשען זיך פערלאָזען אויף וואס זיי זעהען? אייגענטליך קען נאר דער מאלער אורטהיילען איבערשענקייט.

ק אָ נ ט י. און דאס געפיהל פון יעדען איינעם זאל ערשט דארפעןווארטען אויף'ן אורטהייל פון א מאלער? אין קלויסטער אריין שיקט יענעם, ווער עס וויל לערנען פון אונז, וואס שעהן איז! אבער אלס מאלער מוז איך אייך זאגען, מיין פרינץ: דאס עס איז איינע פון די גרעסטע גליקזעליגקייטען פון מיין לעבען, וואס עמיליע גאלאָטי האט פאר מיר געדארפט פאָזירען. איהר קאָפּ, איהר געזיכט, איהר שטערן, איהרע אויגען, איהר נאָז, איהר מויל, איהר מאָרדע, איהר האלז, איהר ברוסט, איהר וואוקס, איהר גאנצע פיגור, זיינען פון יענער צייט אָן מיין איינציגער שטודיום פון ווייבליכער שעהנהייט. דאס אָריגינאל אליין, צוליעב וועלכען זי איז פאר מיר געזעסען, האט מען אוועקגע־שיקט צו איהר אבוועזענדען פאטער. אבער די דאזיגע קאָפּיע —

ד ע ר פּ ר י נ ץ. (זיך שנעל ווענדענדיג צו איהם.) נו, קאָנטי? איז דאך ניט פערבאָטען, האָף איך?

ק אָ נ ט י. איז פאר אייך, פּרינץ, אויב נאר עס געפעהלט אייך.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. געפעהלט? (שמייכלענדיג.) אט דאס דא, אייער שטודיום פון ווייבליכער שענהייט, קען איך נאך בעסער מאכען, ווי אויך דאס פאר מ י י ן שטודיום צו מאכען? יענעם בילד, דארטען, נעהמט עס נאר מיט מיט זיך, — א ראהם דערפאר צו בעשטעלען.

ק אָ נ ט י. גוט!

ד ע ר פּ ר י נ ץ. אזוי שעהן און רייך, ווי א שניצער קען עס מאַ־כען. דאס זאָ אריינגעשטעלט ווערן אין דער בילדער־גאַלעריע. — נאר דיזע בלייבט דא. מיט א שטודיע מאכט מען ניט אזוי פיעל צערע־מאָניעס; מ'לאזט עס אפילו ניט אויפהענגען, נאר מ'האט עס גערן ביי דער האנד. — און ווי געזאגט: אין מיין מדינה זאל די קונסט ניט געהן זוכען קיין ברויט — סיידען כ'וועל אליין קיין ברויט ניט האבען.

— שיקט נאָר אריבער צום שאַצמייסטער, קאַנטי, און הייסט אייך בעצאהלען, — וואס איהר ווילט; וויפיעל איהר ווילט ...

קאַנטי. איך האב שוין באלד מורא, פּרינץ, אז איהר ועט אויך נאך עטוואס אנדערש, וועלען אזוי גוט בעלאָהנען ווי די קונסט!

דער פּרינץ. אָה, אייפערזיכטיגער קינסטלער! אבער ניין! — הערט נאר, קאַנטי: וויפיעל איהר ווילט. (קאַנטי געהט אב.)

פינפטער אויפטריט.

דער פּרינץ.

וויפיעל ער וויל! — (זיך ווענדענדיג צום בילד.) דיך האב איך פאר וועלכען ס'איז פּרייז נאך צו ביליג. — אָה, דו שעהנע קונסט־ווערק, בעזיץ איך דיך אין אמת'ן?... איך, וועלבער וואלט געוואלט דיך בעזיצען, דו שעהנע מייסטער־ווערק פון נאטור! — וואס ווילט איהר דערפאר, עהרליבע מוטער! וואס ווילסט דו דערפאר האבען, דו אלטער עקשן! פערלאנג נאָר! זאגט נאָר וואס איהר ווילט! — אם ליעבסטען וואלט מיר געווען, צויבערין דו, ווען איך קען דיך פון דיר אליין אבקויפען! — אָה, דיזע אויג, פול ליעבע־רייץ און בעשיי־דענהייט! אָה, דיזער מויל! און ווען ער עפענט זיך אויף צום רע־דען! ווען ער שמייכעלט, אָט דיזער מויל! — איך הער עמיצען קומען. — איך בין מיט דיר נאך צו ניידיש. (קעהרט אום דאס בילד מיט'ן פּנים צום וואנד.) עס מוז זיין מארינעלי. חאלט איך בעסער נאך איהם גאר ניט געשיקט! וואס פאר א גליקליבען פריהמאָרגען האב איך היינט געקענט האבען!

זעקסטער אויפטריט.

מאַרינעלי. דער פּרינץ.

מ אַ ר י נ ע ל י. איהר וועט מיר פערצייהען, גנעדיגער הערר, — איך האב מיך אויף אזא פריהען בעפעהל ניט געריכט.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. מיר האט זיך פארוועלט אביסעל ארויסצר פּאָהרען. דער פריהמאָרגען איז אזוי שעהן געוועזן. — אבער איצט איז עס שוין אריבער, און דער חשק איז מיר אוועק. — (נאך אַ קור־צען שטילשווייגען.) וואס הערט זיך ביי אונז נייעס, מאַרינעלי?

מ אַ ר י נ ע ל י. קיין וויכטיגע נייעס, ווי וויים איך וויים. — גרעפין אָרסינא איז נעכטען אין שטאדט געקומען.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. דא ליעגט שוין אויך איהר גוט־מאָרגען, (אנצייגענדיג אויף איהר בריעף.) אדער עפּעס אנדערש, ווער וויים וואס דאָרטען איז! איך בין גאָרניט נייגעריג צו וויסען וואס דאָרט טהוט זיך. — האט איהר מיט איהר גערעדט?

מ אַ ר י נ ע ל י. בין איך ניט, ליידער, איהר פערטרויטער? — אבער ווען איך זאל דאס אמאל ווידער ווערען, פון אַ דאמע, וועלכע וועט אייך ערנסט ליעבען, פּרינץ; דאן...

ד ע ר פּ ר י נ ץ. ס'איז קיין זאך ניט אונמעגליך, מאַרינעלי!

מ אַ ר י נ ע ל י. יא? ווירקליך, פּרינץ? עס קען דאך נאך פּאסירען? אָה! דאן דארף דער גרעפין אויך קיין אונרעכט ניט געשעהן.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. טאקי יא, פיעל אונרעכט! — מיין נאָהנ־טע פערבינדונג מיט דער פּרינצעסין פון מאסא, פאָדערט דורכאויס, איך זאל אלע פערבינדונגען מיינע מיט דער גרעפין אבשניידען.

מ אַ ר י נ ע ל י. ווען עס זאל נאָר קומען דערצו, דאן וועט שוין אָרסינא געוויס וויסען ווי צו אונטערגעבען זיך צו איהר שיקזאל, ווי דער פּרינץ צו זיינעם.

דער פרינץ. וועלכער איז געווים פיעל שווערער ווי איהרער. מיין הארץ פאלט אלס קרבן צוליעב אן אונווירדיגען שטאאטס-אינטערעס. זי דארף נאר בלויז איהר הארץ צוריקנעהמען אבער ניט אוועקגעבען עס געגען איהר ווילען.

מארינעלי. צוריקנעהמען? ווארום צוריקנעהמען? פרעגט דער גרעפין; אויב עס האנדעלט זיך ניט מעהר ווי אום א ווייב, וועלכע עס האט ניט די ליעבע נאר די פאליטיק גע'שדכ'ענט? נעבען אזא ווייב, געפינט די געליעבטע נאך אימער איהר פלאץ. ניט פאר אזא ווייב האט זי מורא, נאר...

דער פרינץ. פאר א נייע געליעבטע. — נו אלזא? ווילט איהר דאס מיר האלטען פאר א פערברעכען, מארינעלי?

מארינעלי. איך? — אה! נעהמט מיר ניט אריין אין רעכענונג, פרינץ, מיט דער נארר, פאר וועמען איך טענה דא מיט אייך, — טענה בלויז פון רחמנות וועגען. דען נעכטען האט זי מיר זאנדערבאר גערירט. זי האט פון איהרע אנגעלעגענהייטען מיט אייך גארניט געוואלט ריידען. זי האט זיך געוואלט צייגען גאנץ קאלט און געלאסען, אבער אין מיטען פון'ם גלייכגילטיגסטען געשפרעך, האט זיך אויף איהר פנים געצייגט איין מיענע נאך די צווייטע, איין פערציהונג איבער דאס אנדערע, וועלכע האבען פערראטהען די יסורים פון איהר הארצען. אויף'ן לוסטיגסטען אופן האט זי די מעלאנכאלישסטע געדאנקען אויסגעדריקט, און ווידער פארקעהרט, די לעבערליכסטע שפאסען מיט דער טרויעריגסטער מיענע. זי האט גענומען איהר צופלוכט צו די ביכער, און איך האב מורא אז זיי וועלען איהר דערענדיגען.

דער פרינץ. אזוי ווי זיי האבען איהר ארעמען פערשטאנד אויך דעם ערשטען שטויס געגעבען. — אבער, דאס וואס האט מיר פון איהר ערווייטערט, מארינעלי, דארפט איהר דאך ניט אנווענדען, אום מיך צו איהר ווידער צו ברייגגען! — אויב דורך די ליעבע ווערט

זי נאַריש, וואלט זי דאס, פריהער אדער שפּעטער, אהן דער ליעבע אויך געוואָרען — און איצט זאל זיין געגנוג פון איהר. — פון עט־וואס אַנדערש! געהט דען גאַרנישט פאַר אין שטאדט?

מאַרינעלי. אזוי גוט ווי גאַרנישט — דען דאס וואס הייגט האָט גראף אַפּיאַני חתונה, איז אויך ניט פיעל מעהר ווי גאַרנישט...

דער פּרינץ. פון גראף אַפּיאַני? און מיט וועמען איז׳ס דען? איך האָב דאָך געזאָלט וויסען אַז ער איז פערלאָבט!

מאַרינעלי. די זאך איז געהאַלטען געוואָרען אין געהיים. עס איז דא אויך ניט געוועזן פון וואס צו מאַכען אַזאַ רעש... איהר וועט לאַכען, פּרינץ; אבער אזוי געהט עס שוין די פיהלענדע מענשען! די ליעבע שפּיעלט זיי אימער אָפּ די ערגסטע שטיקלעך. אַ מיידעל אָהן פּאַרמעגען און אָהן ראַנג, האָט געוואוסט ווי אזוי אַריינצוציהען איהם אין איהר נעץ, — מיט אַ ביסעלע פאַלשקייט, אבער מיט פיעל טוגענד, גלאַנץ, געפיהל און וויץ, און ווער ווייס נאָך מיט וואס?...

דער פּרינץ. איך וואלט גיכער געגלויבט, אַז יענעם, אויף וועמען עס ווירקט דער איינדרוק, די אונשולד און די שענהייט, ניט קימערענדיג זיך אום קיין אַנדער זאַך, — דאַרף מען גיכער מקנא זיין, איידער פון איהם צו לאַכען. — און ווי הייסט דען די גליקליכע? דען נאָך אַלעמען איז אַפּיאַני — איך ווייס גוט דאס איהר קענט איהם ניט ליידען, מאַרינעלי, פּונקט אזוי וויינינג ווי ער קען אייך ליי־דען. — נאָך אַלעמען איז ער דאָך זעהר אַ וויכטיגער יונגער מאַן, אַ רייכער און זעהר אַן עהרענהאַפטער. איך וואלט זיך זעהר געוואונ־שען, צו קענען געווינען זיין פריינדשאַפט. איך וועל נאָך וועגען דעם זעהן.

מאַרינעלי. אויב עס איז שוין ניט צו שפּעט... דען ווי ווייט איך האָב געהערט, האָט ער גאר ניט אין זינען צו זוכען זיין גליק ביי׳ם הויף. — ער וויל געהן מיט זיין באַשערטע אין זיינע טהאַלען

אין פיעמאנט; צו כאפּען חיה'לעך אויף די אלפּען־בערג און צו שלאכטען ווילדע טהיערע. — און ווי קען ער דען מאכען בעסער! דאָ איז ער צוליעב זיין איינפאכען שדוך פערשפּיעלט. דער קרייז פון די הויכע געזעלשאפט איז פאר איהם פון איצט אן פערשלאָסען —

דער פּרינץ. אך, מיט אייער הויכע געזעלשאפט! וואו עס הערשט די צערעמאָניע, די אָנגעצוואונגענקייט, די לאנגווייליגע, און ניט זעלטען אויך די אָרעמקייט. אבער זאגט מיר נאָר, ווי הייסט דען יענע פאר וועמען ער איז דאס אזוי פיעל מקריב?

מארינעלי. ס'איז א געוויסע עמיליע גאלאָטי.

דער פּרינץ. ווי, מארינעלי? א געוויסע —

מארינעלי. עמיליע גאלאָטי.

דער פּרינץ. עמיליע גאלאָטי? — ניט אין לעבען!

מארינעלי. ס'איז אבער אזוי, גנעדיגער הערר.

דער פּרינץ. ניין, זאג איך. עס איז ניט, עס קען ניט זיין. איהר מאכט א טעות אין נאמען. גאלאָטים זיינען דא אסך... א גאלאָטי קען דאס זיין; אבער ניט עמיליע גאלאָטי, ניט עמיליע!

מארינעלי. עמיליע — עמיליע גאלאָטי!

דער פּרינץ. אויב אזוי איז פאראן נאך איינע וועלכע מען רופט מיט די זעלביגע נעמען... איהר האט דאך אליין געזאגט א געוויסע עמיליע גאלאָטי — א געוויסע. פון דער ריכטיגער קען בלויז א נארר אזוי ריידען.

מארינעלי. איהר זייט דאך עפּעס אויסער זיך, מיין גנעדיגער הערר; קענט איהר דען די דאזיגע עמיליע?

דער פּרינץ. איך דארף עס פרעגען, מארינעלי, ניט איהר... עמיליע גאלאָטי, די טאכטער פון'ם הויפּטמאן גאלאָטי, ביי סאביאָנעטא?

מארינעלי. טאקי די זעלבע.

דער פּרינץ. וועלכע וואהנט מיט איהר מוטער אין גוסטאלא?

מ א ר י נ ע ל י. טאקי די זעלבע.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. ניט ווייט פון דער קירך „פון אלע היילינע?

מ א ר י נ ע ל י. טאקי די זעלבע.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. מיט איין וואָרט — (שפּרינגט צו צום בילד און דערלאַנגט עס מאַרינעלי'ן אין האנד..) דאָ! די זעלבע? די זעלבע עמיליע גאַלאָטי? — זאג שוין דיין פערדאמטען „טאקי די זעלבע" נאך אמאל און שטעך מיר אריין דעם שפּיעז אין הארצע!

מ א ר י נ ע ל י. טאקי די זעלבע.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. הענקער דו! אָט די? — דיזע עמיליע גאַלאָטי ווערט היינט —

מ א ר י נ ע ל י. גרעפין אַפּיאני! (דער פּרינץ רייסט ארויס דאס בילד פון מאַרינעלים הענד און וואַרפט עס אַוועק אין אַ זייט.) די חתונה ווערט געפּראַוועט גאַנץ שטיל, אויף'ן לאַנד־גוט פון'ם פאָטער, ביי סאַבּיאָ־נעטא. ארום מיטאג־צייט פאָהרען אהין ארויס די מוטער און די טאָכ־טער, דער גראף און פּיעלייכט אַ פּאָאר פריינד.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. (וואַרפט זיך אין אַ שטוהל אין גרויס פערצווייפלונג) אויב אזוי, בין איך פערלאָרען! — אויב אזוי, וויל איך ניט לעבען!

מ א ר י נ ע ל י. אבער וואס איז מיט אייך, גנעדיגער הערר?

ד ע ר פּ ר י נ ץ. (שפּרינגט אויף געגען איהם.) פעררעטהער! וואס מיט מיר איז?... נו יא, איך ליעב זי; איך ליעב זי זעהר. איהר מעגט עס וויסען! איהר האט עס שוין לאַנג געמעגט וויסען! איהר אלע, פון וועמעס וועגען איך האב ליעבערשט געזאָלט אויביג טראגען אויף זיך די פערפלוכטע קייטען פון דער ווילד־שלעכטער אָרסינא! — אבער אז אויך איהר, מאַרינעלי, איהר וועלכער האט מיר אימער אייניגסטע פריינדשאַפט פערזיכערט, — אָהּ, אַ פירסט האט ניט קיין פריינד! קען קיין פריינד ניט האָבען! — אז איהר האט געקענט, ביז דיזען אויגענבליק, צו פארבארגען פון מיר די געפאהר וועלכע האט מיין ליעבע בעדראָהט, אזוי שלעכט, אזוי

טרייל‍אָז; ווען איך זאל דאס אייך אמאָל פערגעבען, -- דארף איך פאר מיינע זינד קיין פערגעבונג ניט האבען!

מארינעלי. איך קען קוים געפינען ווערטער, פרינץ -- ווען איהר אליין אפילו ברייננט מיר דערצו -- אויסצודריקען מיין ערשטוינען... איהר ליעבט עמיליע גאלאָטי? — איך שווער אייך מיט כל השבועות אין דער וועלט; אויב איך האב פון דער דאזי־נער ליעבע דאס מינדעסטע געוואוסט, זאל קיינער פון מיר ניט וויסען! -- איך קען דאס זעלבע אויך פאר אָרסינא שווערען. פון דעם וויים זי גאָר נישט. איהר חשד געהט אויף א גאנץ אנדער וועג.

דער פרינץ. אויב אזוי, פערצייהעט מיך, מארינעלי — (ווארפט זיך איהם אין די ארעמס) און בעדויערט מיך...

מארינעלי. נו, פרינץ! דאָ זעהט די פרוכט פון אייער צוריקהאלטונג! — „פירשטען האבען ניט קיין פריינד! קענען קיין פריינד ניט האבען!“ — און די אורזאכע, אויב די זאך איז טאקי אזוי? ווייל זיי ווילען קיין פריינד ניט האבען. — היינט בעעה־רען זיי אונז מיט זייער צוטרויען; דערצעהלען אונז זייערע סודות, און עפענען פאר אונז זייער גאנצע נשמה; און אויף מארגען זיינען מיר זיי ווידער פרעמד, ווי זיי וואלטען מיט אונז קיינמאל א וואָרט ניט גערעדט.

דער פרינץ. אך, מארינעלי! ווי האב איך אייך געקענט פערטרויען א זאך וואס איך האב זיך אליין קוים געוואלט פערטרויען?

מארינעלי. און געוויס נאך ווייניגער צו יענער פער־טרויט, וועלכע איז די גאנצע אורזאכע פון אייער שמערץ?

דער פרינץ. איהר?... מיין גאנצע מיה איז נאָר אומ־זיסט געווען, מיט איהר א צווייטען מאל צו רעדען...

מארינעלי. און צום ערשטען מאל --

דער פרינץ. האב איך מיט איהר גערעדט -- אָה, איך

ווער משוגע! און זאל איך אייך אסך דערצעהלען? איך שטעה דא פאר אייך ווי איינער וואס ווערט פארשלונגען פון וועלען; פרעגט ניט קיין קשיות, ווי אזוי איך בין צו דעם געקומען? רעטעט מיך, אויב איהר קענט, און ערשט דאן קענט איהר מיך פרעגען.

מארינעלי. רעטען? איז דא פיעל צו רעטען?... וואס איהר האט פערזאמט, מיין גנעדיגער הערר, פארצולייגען פאר עמיליע גאלאָטי, לייגט עס איצט פאר פאר גרעפין אפּיאני. סחורה, וועלכע מ'קען ניט קויפען פון דער ערשטער האנד, קויפט מען פון דער צוויי־טער. און אזעלכע סחורה, קויפט מען גאר אָפט פון דער צווייטער האנד אויך פיעל ביליגער.

דער פּרינץ. זייט נאָר ערנסט, מארינעלי! זייט ערנסט, אדער...

מארינעלי. טאקי אמת, די סחורה איז אום אזוי פיעל ערגער...

דער פּרינץ. איהר ווערט אונפערשעמט!

מארינעלי. און דערצו נאך וויל דער גראף מיט דעם זיך פון דאס לאנד ארויסמאכען... יא, מען מוז אלזא איצט פון עפּעס אנדערש דענקען. —

דער פּרינץ. און פון וואס? מיין ליעבסטער, בעסטער מארינעלי, דענקט איהר פאר מיר. וואס וואלט איהר געטאהן ווען איהר זאלט אויף מיין פּלאץ געוועז?

מארינעלי. דאס ערשטע זאך, וואלט איך א קלייניגקייט בלויז פאר א קלייניגקייט געהאלטען, און צו זיך אליין געזאגט: דו דארפסט זיך בענוצען מיט די מאכט וואס דיר איז געגעבען אלס הערשער!

דער פּרינץ. הויבט מיר אזוי ניט אויף צוליעב א מאכט פון וועלכע איך זעה ניט איין דאס איך קען דאָ מאכען א געברויך. — היינט, זאגט איהר? שוין היינט?

מארינעלי. ערשט היינט — דארף עס געשעהן. און נאָר זאכען וועלכע דארפען נאך געשעהן, קען מען ניט טרעפען. — (נאך אַ קורצער איבערלייגונג.) ווילט איהר מיר געבען די פולע פרייהייט, פּרינץ? ועט איך געפעלען דאס וואס איך ועל טאָהן?

דער פּרינץ. אלעס, מארינעלי. אלעס וואס קען נאָר דיזען שריט פערהיטען.

מארינעלי. אלזא לאזט אונז קיין צייט ניט פערליערען. — איהר דארפט אבער אין שטאדט ניט פערבלייבען. פאהרט גלייך אַפּ נאך דאָזאלאָ, אין אייער לוסט־שלאָס. דאָרט געהט פארביי די וועג נאך סאביאָנעטא. אויב ס'וועט מיר ניט געלינגען, דעם גראף אוינגע־בליקליך צו ערוויטערען; דענק איך... דאָך, גלויב איך אבער, ער וועט געווים אריין אין פּאסטקע... איהר האט דאך געוואלט שיקען א געזאנדטען נאך מאסא, וועגען אייער חתונה? לאזט דעם גראף טהאָן די דאָזיגע שליחות, מיט דעם בעדינג, דאס ער זאל נאך היינט אהין פאָהרען. — פערשטעהט איהר?

דער פּרינץ. אויסגעצייכענט! ברייגנט איהם נאָר ארויס צו מיר. איילט זיך, שנעל! איך ווארף זיך גלייך אריין אין וואגען. (מאַרינעלי אפּ).

זיעבענטער אויפטריט.

דער פּרינץ.

די מינוט! די מינוט! וואו איז דאס געבליבען? (זיך אומקו־קענדיג נאך דאס בילד.) אויף ד'רערד? דאס איז צו שלעכט געוועזען! (אויפהויבענדיג עס) בעטראכטען? אלס ערשטע סחורה דארף איך דיך ניט מעהר בעטראכטען... אָה, ווארום זאל איך דעם פייל נאך טיעפער דריקען אין מיין וואונד? (שטעלט עס אוועק אן אַ זייט.) — גע־שמאכט, געזיפצט, האב איך לאנג גענוג — נאך לענגער ווי איך

האָב געזאָלט; אבער געטאָהן האָב איך גאָרנישט! און דורך די צערטליכע אונטהעטיגקייט כמעט אַלעס פערלאָרען! און ווען איצט וואָלט טאַקי אַלץ געווען פערלאָרען? ווען מאַרינעלי וואָלט דערצו גאָר ניט געטאָהן?... אבער ווארום זאָל איך זיך דען אויף איהם אליין פערלאָזען? עס פאַלט מיר איין אַ געדאנק. — אין דיזער שטונדע, (קוקט אויף'ן זייגער.) אין דער זעלביגער שטונדע, פלעגט דאָס פרומע מיידעל יעדען פריהמאָרגען געהן הערען די תפלות אין דער דאָמיניקאַנער קירך. ווי וואָלט געווען, איך זאָל פּרובירען מיט איהר דאָרט צו ריידען? אבער, וואָס רייד איך! היינט? היינט אין דעם טאָג פון איהר חתונה, — היינט וועלען איהר האַרץ אַנדערע זאַכען אינטערעסירען איידער תפלות... נאָך אַלעמען, ווער ווייס? — עס איז אַ וועג. (ער קלינגט אָן, און אין דער צייט וואָס ער נעהמט צוזאַמען אייניגע פּאַפּיערען פון טיש קומט דער דיענער אריין.) הייסט צו־פאָהרען צום הויז!

— איז נאָך קיינער ניטאָ פון די סעקרעטאַרען?

קאַמערדיענער. קאַמיליא ראָטאַ איז דאָ.

דער פּרינץ. זאָל ער אריינקומען, (דער קאַמערדיענער אָב.) נאָר אויפהאַלטען דאַרף ער מיר ניט; דאָס מאָל ניט! איך בין זעהר צופריעדען, זיינע גלייבע עצות אָן אַנדערעס מאָל צו הערען. — ס'איז דאָ נאָך געלעגען די ביט־שריפט פון אַ עמיליע ברונעסקי. — (זוכט עס) י איז עס דאָ. אבער, גוטע ברונעסקי, כל זמן יענע, אין וועמעס זכות!......

אַ כטער אויפטריט.

קאַמיליא ראָטאַ, האַלטענדיג פּאַפּיערען אין האַנד. דער פּרינץ.

דער פּרינץ. קומט נאָר אריין, ראָטאַ, קומט נאָר. דאָ איז אַלץ וואָס איך האָב דיזען פריהמאָרגען געעפענט. ניט פיעל פרעהליכעס! — איהר וועט שוין אַליין זעהן וואָס מיט זיי צו טהאָן. נעהמט עס נאָר מיט...

ק אַ מ י ל י א ר אַ ט א. גוט, מיין גנעדינער הערר.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. דאָ איז דא נאָך אַ צושריפט פון איינער אַ עמיליע גאַלאָט... איך וויל זאגען ברונעסקי, איך האב עס שוין אפילו אונטערגעשריבען. אבער דאָך — די זאך איז ניט קיין קליינינקייט... לאזט עס אויספערטיגען. — אדער ניט; ווי איהר ווילט.

ק אַ מ י ל י א ר אַ ט א. ניט ווי א י ך וויל, גנעדינער הערר.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. וואס איז נאָך דא? עפּעס צו אונטער־שרייבען?

ק אַ מ י ל י א ר אַ ט א. ס'איז דא אַ טויט־אורטהייל אונטער־צושרייבען.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. זעהר גערן. — נאָר אהער, געשווינד!

ק אַ מ י ל י א ר אַ ט י. (פערוואונדערט. קוקט שטארר אָן דעם פרינץ.) אַ טויט־אורטהייל, האב איך געזאגט...

ד ע ר פּ ר י נ ץ. איך הער דאָך. — ס'האט דאך שוין גע־קענט זיין אונטערשריבען. איך איל מיך...

ק אַ מ י ל י ע ר אַ ט א. (נאָכקוקענדיג אין זיינע פּאַפּירען.) איך האב עס גאר ניט מיטגענומען!... פערצייהעט מיך, גנעדיגער הערר. ס'קען בלייבען אויף מארגען.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. אויך רעכט! — נעהמט נאָר אַלץ צו־זאמען; איך מוז געהן — מאָרגען, ראַטא, וועלען מיר מעהר ריידען!

(געהט אָב.)

ק מ י ל י א ר אַ ט א. (שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. פּאַקט איין די פּאַפּירען און געהט אָב, ריידענדיג צו זיך אליין.) „זעהר גערן?" — אַ טויט־אור־טהייל זעהר גערן? איך וואלט עס איהם ניט געלאזט אונטערשרייבען אין דיזער מינוט, ווען עס וואלט זיך אפילו געהאנדעלט אום דעם מער־דער פון מיין איינציגען זוהן. — „זעהר גערן!" „זעהר גערן!" עס געהט מיר דורך די נשמה, דיזער שרעקליכער „זעהר גערן!"

צוויטער אַקט.

סצענע: א זאַאל אין גאַלאָטי׳ס הויז.

ערשטער אויפטריט.

קלאַודיא גאַלאָטי. פּיעראָ.

קלאודיא. (אנטקעגען קומענדיג פּיעראָ׳ן וועלכער קומט פון דער אַנדער זייט.) ווער איז דאס אריינגעלאפען דא אין הויף?

פּיעראָ. אונזער הערר, גנעדיגע פרוי.

קלאודיא. מיין מאַן? איז דאס מעגליך?

פּיעראָ. ער קומט גלייך נאך מיר.

קלאודיא. אזוי אונערוואַרטעט? — (איילענדיג איהם אנטקעגען.) אך, מיין בעסטער! —

צווייטער אויפטריט.

אָדאָאַרדאָ גאַלאָטי. די פאָריגע.

אָדאָאַרדאָ. גוט־מארגען מיין ליעבע! — דאס הייסט איבערראַשט! ניט אמת?

קלאודיא. און אויף׳ן אנגענעהמסטען אופן! אויב דאס איז ניט מעהר ווי א איבערראַשונג.

אָדאָאַרדאָ. ניט מעהר! זיי נאר ניט בעזאָרגט. — דער גליק פון דעם היינטיגען טאָג, האט מיך אויפגעוועקט אזוי פריה; דער פריהמאָרגען איז אזוי שעהן געווען; די וועג איז אזוי קורץ. כ׳האב געדענקט איהר זייט דא אזוי בעשעפטיגט. — פיעלייכט קענען זיי נאך עפּעס פארגעסען! — איז מיר איינגעפאַלען; מיט איין וואָרט: איך קום, גיעב א קוק, און קעהר זיך גלייך ווידער אום צוריק. — און וואו איז עמיליע? געווים בעשעפטיגט מיט׳ן פּוץ?...

קלאודיא. איהר נשמה! זי איז אין קירך... „איך האב היינט, מעהר ווי אַלע טאָג, צו בעטען גאָט פאר זיין גענאָד“ האט זי געזאגט. זי האט אַלץ געלאזט ליעגען, גענומען דעם שלייער און געלאפען...

אָדאָארדאָ. איינע אליין?

קלאודיא. די פּאָאר טריט?...

אָדאָארדאָ. איין טריט איז גענוג אויף צו מאכען איין פעהל־טריט!

קלאודיא. זיי ניט אין כעס, מיין בעסטער, און קום אריין — א מינוט אָבצורוהען, און אויב דו ווילסט, זיך אביסעל אָפּפרישען.

אָדאָארדאָ. זאל זיין ווי דו זאגסט, קלאודיא. — אבער זי האט ניט געדארפט געהן אליין...

קלאודיא. און איהר, פּיעראָ, בלייבט דא אין פאָדער־צימער, היינט, קיין בעזוכער ניט אַריינצולאזען.

דריטער אויפטריט.

פּיעראָ און גלייך נאך דעם אַנדשעלאָ.

פּיעראָ. — וועלכע קומען בלויז אוים נייגעריגקייט... וואס האט מען מיר אַלץ ניט אויסגעפרעגט זייט די לעצטע שטונדע! און ווער קומט עס דא?

אַנדשעלאָ. (נאך העלפט הינטער דער סצענע, זיך פארשטעלענ־דיג דאס פּנים אין זיין קורצען מאַנטעל.) פּיערא! — פּיערא!

פּיעראָ. א בעקאנטער? (אַנדשעלאָ קומט ענדליך אריין און עפענט פאַנאנדער דעם מאַנטעל.) גאָט! אַנדשעלאָ? דו?

אַנדשעלאָ. ווי דו זעהסט מיך. — איך האב זיך גענוג לאנג ארומגעדרעהט ארום הויז, אום מיט דיר צו קענען ריידען — איין וואָרט!

פ י ע ר אָ . און דו האסט גאר קיין מורא ניט פאר'ן שיין?... זינט דיין לעצטען מאָרד־טהאַט, קען דיך יעדער ווי א פויגעל פאנגען. מ'האט פאר דיין קאָפּ א פרייז בעשטימט ...

אַ נ ד ש ע ל אָ . וועלבען אבער, ניט דו ווילסט עס פערדינען?...

פ י ע ר אָ . וואס ווילסט דו? איך בעט דיך, מאך מיר ניט אונגליקליך.

אַ נ ד ש ע ל אָ . אפשר דערמיט? (איהם צייגענדיג אַ בייטעל מיט געלד.) נעהם עס, דאס געהערט צו דיר!

פ י ע ר א. מיך?

א נ ד ש ע ל א . האסטו פערגעסען? דער דייטש, דיין פריי־הערדיגער בעל־הבית --

פ י ע ר א דערמאהן עס ניט!

א נ ד ש ע ל א! וועלבען דו האסט אונז אויף'ן וועג נאך פיזא אין פאסטקע אריינגעפיהרט --

פ י ע ר א . ווען אימיצער הערט אונז!

א נ ד ש ע ל א . איז געווען אזוי גוט, אונז צו איבערלאזען אויך א קאסטבארען רונג. -- ווייסטו ניט? -- ער איז געווען צו קאסט־באר, דאס מיר זאלען איהם קענען גלייך צו געלד מאכען, און מיט דעם ניט אויפוועקן קיין פערדאכט. ענדליך איז עס מיר געלונגען. איך האב פאר איהם הונדערט פיסטאלען געקראגען, און דאס איז דיין חלק. נעהם עס!

פ י ע ר א . איך דארף ניט. -- האלט עס אין גאנצען.

אַ נ ד ש ע לאָ . פון מיינעטוועגען! -- אויב דיר איז אלץ איינס. ווי גרויס דו האלסט זיך!... (מאכט ווי ער וואלט געוואלט דאס געלט צוריק אין טאש אריינלעגען.)

פ י ע ר אָ . טו גיעב אהער! (נעהמט עס.) — און וואס איצט? דען דו וואלסט דאך מיר ניט אויפגעזוכט בלויז צוליעב דעם אליין...

אַ נ ד ש ע ל אַ עס קען דיר זיך גאר ניט גלויבען? — דו אונ־

מענש! וואס דענקסטו דען פון אונז? דאס מיר זענען פעהיג אימי-
צען דעם לוין צו פערהאלטען? דאס קען זיך זיין די מאדע ביי די זאַ־
גענאנטע עהרליכע מענשען; ביי אונז אבער ניט — זיי זיך געזונד. —
(ער הויבט אָן אוועקצוגעהן, קעהרט זיך אבער ווידער אום.) איין זאך מוז
איך דיר דאך פרעגען. — דער אלטער גאלאטי איז דאך איינער
אליין געקומען צולויפען אין שטאדט. וואס וויל ער דען?

פ י ע ר אָ. ער וויל גאָרנישט; ס'איז בלויז א שפּאַציר־רייט.
זיין טאָכטער האט היינט חתונה מיט גראף אפּיאני. די צערעמאָניע
וועט פאַרקומען אויף'ן גוט, פון וואנען ער איז דאס איצט געקומען.
ער קען זיך אויף דער צייט ניט דערוואַרטען —

א נ ד ש ע ל אָ. און פאהרט באלד ווידער צוריק?

פ י ע ר אָ. גלייך באלד. ער קען דיך דא נאך אנטרעפען,
אויב דו בלייבסט דאָ נאך אביסעל לענגער. — דו דענקסט דאך
אבער ניט איהם צו איבערפאלען? גיעב אכטונג! ער איז א מאן —

א נ ד ש ע ל אָ. קען איך איהם ניט? האב איך ניט געדיענט
אונטער איהם? סיידען מען וואלט ביי איהם גאר אסך געקענט קריי־
גען!... ווען פאָהרען די יונגע לייט ארויס?

פ י ע ר אָ. ארום מיטאג־צייט.

א נ ד ש ע ל אָ. מיט אסך בעגלייטער?

פ י ע ר אָ. אין איין וואגען בלויז; די מוטער, די טאכטער
און דער גראף. א פּאָאר פריינד קומען ארויס פון סאביאָנעטא, אלס
עדות.

א נ ד ש ע ל אָ. און בעדיענטע?

פ י ע ר אָ. בלויז צוויי, אויסער מיר. איך פאָהר רייטענדיג
פאָראויס.

א נ ד ש ע ל אָ. דאס איז גוט. — נאך איין זאך: וועמעס
עקיפּאזש וועט עס זיין? אייערע, אדער דעם גראף'ס?

פ י ע ר א. דעם גראף'ס.

אנדשעלאַ. נישט גוט! דא קומט נאך צו נאך א פּאָאר רייטער אויסער א שטארקען קוטשער. דאָך?...

פּיעראַ. איך בין ערשטוינט, וואס ווילסט דו דען? — די ביסעל ציערונג וואס די כלה וועט ביי זיך פּיעלייכט האבען וועט אסור די מיה ווערטה זיין...

אנדשעלאַ. איז זי אליין דאס ווערטה.

פּיעראַ. און אויך ביי דעם פערברעכען דארף איך זיין דיין מיטהעלפער?

אנדשעלאַ. דו רייטסט פּאָראויס. רייט זיך נאָר, רייט! קוק זיך אויף קיין זאך ניט אום.

פּיעראַ. ניין! דאס וועט קיין מאל ניט געשעהן!

אנדשעלאַ. ווי? איך גלויב גאר דו ווילסט שפּיעלען די ראָלע פון א צדיק. — הער נאָר, יונג איינער! איך דענק אז דו קענסט מיך... פּרוביר נאָר צו פּלוידערן! אויב ס'וועט זיך איין זאך אנדערש ארויסצייגען ווי דו האסט מיר אָנגענעבען, געדענק...

פּיעראַ. אבער, אום גאָטעס ווילען, אנדשעלאַ! —

אנדשעלאַ. טהו וואס דו מוזט! (אב)

פּיעראַ. הא! גיעב דעם טייפעל איין האָאר און דו ביסט שוין זיינער אויף אויביג. אָה, אונגליקליכער וואס איך בין!

פערטער אויפטריט.

אָדאָארדאָ און קלאַודיא גאַלאָטי. פּיעראַ.

אָדאָארדאָ. זי זאָמט זיך מיר צו לאנג...

קלאַודיא. נאך איין אויגענבליק, אָדאָארדאָ! עס וועט איהר לייד טאָהן, דיך ניט צו האבען געזעהן.

אָדאָארדאָ. איך מוז נאך אויך ביי'ם גראף זיין. איך קען עס שוין קוים ערווארטען, דיזען ווירדיגען יונגען מאָן „מיין זוהן“ צו

רופען. איך בין העכסט ענטציקט פון איהם. איבערהויפט געפעלט מיר זיין פּלאַן, נאך דער חתונה צו בעזעצען זיך אין די טהאלען פון זיין היימאַטה.

קלאַודיא. עס ברעכט מיר דאס הארץ ווען איך דענק דערפון. — זאלען מיר זי אזוי אין גאנצען פערליערען, אונזער איינ־ציגע געליעבטע טאכטער?

אָדאָארדאָ. וואס מיינסט דו, זי פערליערען? צו זעהן זי א גליקליכע אין די ארעמס פון געליעבטען? מיש נאר ניט צוזאמען, איך בעט דיר, דיין פערגעניגען וואס דו האסט פון איהר, מיט איהר גליק. — דו קענסט נאך בענייען מיין אלטען חשד: אז עס איז ני־בער געווען דער גערויש און די צערשטרייאונג; גיכער, דאס נעהנטער זיין צום הויף, וואס האט דיך באוועגט צו פערבלייבען דא אין שטאָדט מיט אונזער טאָכטער, ווייט פון מאן און פאָטער וועלכער ליעבט אייך אזוי הערצליך, — איידער די נויטווענדיגקייט, צו געבען אונזער קינד אן אנשטענדיגע ערציהונג.

קלאַודיא. ווי אונגערעכט, אָדאָארדא! אבער לאז מיך דיר היינט זאגען אן איינציג גוט וואָרט בנוגע דער שטאָדט און דעם הויפישען קרייז, וועלבע דיין שטרענגע טוגענד פערהאסט אזוי. — דאָ, נאר דאָ, האט די ליעבע געקענט צוזאמענברייננגען, דאס וואס איז באשערט געווען איינס פיר'ס אנדערע. נאר דא, האט דער גראף גע־קענט געפינען עמיליע'ן, און האט זי דא טאקי אויך געפונען.

אָדאָארדאָ. דאס גיעב איך צו. אבער, גוטע קלאַודיא, קומט דיר דען ארויס א רעשט וואס דער רעזולטאט האט זיך גראדע אויסגעלאזען גוט? — גוט, אז ס'האט אזוי אבגעגאלטען מיט דער שטאָדט־ערציהונג! אבער מיר דארפען זיך ניט וועלען האלטען פאר קלוג, דאן ווען עס האט אונז בלויז ניט מעהר ווי געגאלטען! גוט וואס עס האט זיך אזוי אויסגעלאזען!... נו, איצט האבען זיי זיך שוין געפונען, די, וועלבע זיינען געווען איינער פאר'ן צווייטען באשערט;

זאלען זיי איצט געהן, דארט וואו אונשולד און רוה רופט זיי. — וואס האט דער גראף דען דא צו טאָהן? זיך קניהען, חנפ'ענען און קריעכען, און צו זוכען די מארינעלי'ס ארויסצובייסען? אים ענד־ליך צו ערגרייכען א גליק וועלכען ער דארף גאר ניט האבען? אום ענדליך אן עהרע צו פערדיענען, וועלכע האט פאר איהם קיין ווערטה ניט? — פּיעראָ!

פּ י ע ר אָ. דא בין איך.

אָ ד אָ א ר ד אָ. פיהר צו מיין פערד צום גראף'ס הויז. איך וועל אהין צו־קומען און דארט זיך ווידער אויפזעצען. (פּיעראָ אב.) ווארום זאל דער גראף דא ד י ע נ ע ן ווען ער קען דאָרט ב א פ ע ה ל ע ן? דערצו, בערעכענסט דו גארניט, קלאודיא, אז דורך די פערבינדונג מיט אונזער טאָכטער, וועט דער גראף סוף כל סוף פערליערען די לאסקע ביים פּרינץ. דער פּרינץ האט מיך --

ק ל א ו ד י א. פיעלייכט ווייניגער ווי דו האסט מורא.

אָ ד אָ א ר ד א. האסט מורא!... האב איך מורא אויך פאר אזעלכעם!...

ק ל א ו ד י א. האב איך דיר שוין דען געזאגט, אז דער פּרינץ האט אונזער טאכטער געזעהן?

אָ ד אָ א ר ד א. דער פּרינץ? און וואו איז דאס געוועז?

ק ל א ו ד י א. אין דער לעטצטער אבענד־געזעלשאפט ביי'ם קאנצלער גרימאלדי, וועלכע דער פּרינץ האט בעעהרט מיט זיין אנ־וועזענהייט. ער האט זיך צו איהר אזוי גנעדיג באנומען...

אָ ד אָ א ר ד א. אזוי גנעדיג?

ק ל א ו ד י א. ער האט זיך מיט איהר אזוי לאנג אונטער־האלטען -- --

אָ ד אָ א ר ד א. האט זיך מיט איהר אונטערהאלטען?

ק ל א ו ד י א. ער האט געשיינט צו זיין אזוי בעצויבערט פון איהר מונטערקייט און איהרע וויצען -- --

אַדאַארדאַ. אזוי, בעצויבערט?

קלאַודיא. ער האט מיט אזוי פיעל ליעב גערעדט פון איהר שעהנקייט.

אַדאַארדאַ. מיט אזוי פיעל ליעב? און דאס אַלץ דער־צעהלסט דו מיר מיט אַ טאָן פון ענטציקונג? אַה, קלאַודיא! אונ־פערשטענדיגע, נאַרישע מוטער!

קלאַודיא. וואס מיינסט דו?

אַדאַארדאַ. נו גוט, נו גוט! אויך דאס איז אזוי אבגע־לאָפען. — האַ! ווען איך שטעל זיך פאָר — דאס איז גראדע דער פּלאַץ וואו איך קען זיך אַם שטארקסטען פיהלען פערוואונדעט!— אַ לעבע־יונג, וועלכער בעוואונדערט, באגעהרט... קלאַודיא! קלאַודיא! דער בלויזער געדאנק רעגט מיך שרעקליך אויף. — דו האסט עס מיר בעדארפט גלייך דערצעהלען. — דאָך, איך וואלט ניט געוועלט דיר היינט עפּעס אונאנגענעהמעס זאגען. און איך וואלט (זי נעהמט איהם אָן ביי דער האַנד) ווען איך וואלט לענגער נאָך דאַ געבליבען... לאָז מיך דעריבער, לאָז מיך! — איך פערלאָז אייך אויף גאָט, קלאַודיא! קומט אונגעזאמט מיט גליק!

פינפטער אויפטריט.

קלאַודיא גאַלאָטי.

וואס פארא מענש? אָה, די רויהע טוגענד! — אויב זי פער־דיענט נאָר דעם דאזיגען נאמען. — אַלעס שיינט איהם פערדעכ־טיגט; אַלעס אַ פערברעכען! — אדער, זאל דאס הייסען מענשען־קענטניס; ווער דארף זיך דאס גאר ווינשען זיי צו קענען?... אבער, וואו פאָרט זאמט זיך דאס עמיליע? — ער איז אַ פיינד פון'ם פאָטער; אַלזאָ, היוסט עס, אז אויב ער האט אַן אויג אויף דער טאכטער, איז דאס, נאָר אום איהם צו אנטאָהן ענמת נפש?...

זעקסטער אויפטריט.

עמיליע און קלאַודיא גאַלאַטי.

ע מ י ל י ע . (לויפט אריין אַ צושראָקענע, אַ צוטראגענע.) אַה, איצט איז מיר גוט! איצט בין איך ווידער זיכער. און אפשר איז ער מיר נאכגעגאנגען? (ווארפט אַראָפּ דעם שלייער און קוקט אָן איהר מוטער.) איז ער, מוטער מיינע? איז ער?... ניין! גאָט זיי דאנק!

ק ל אַ ו ד י א . וואס איז מיט דיר, מיין טאכטער? וואס איז דיר?

ע מ י ל י ע . גארנישט, גארנישט —

ק ל אַ ו ד י א . עפּעס קוקסטו זיך ארום אזוי צוטראגען? און אלע דיינע אברים ציטערן?

ע מ י ל י ע . וואס האב איך אלץ ניט געדארפט הערען? און נאך וואו האב איך דאס געדארפט הערען?

ק ל אַ ו ד י א . איך האב געדענקט דו ביזט אין קירך —

ע מ י ל י ע . טאקי דארט! וואס קימערט זיך די טומאה אום קירך און אלטאר? אַך, מוטער מיינע! (ווארפט זיך איהר אין די ארעמס).

ק ל אַ ו ד י א . רעד, מיין טאכטער! — מאך אַן ענד צו מיין שרעק. וואס האט דיר דארט אין דעם הייליגען אָרט געקענט אזוי שרעקליכעס פּאַסירען?

ע מ י ל י ע . עס האבען מיינע תפלות קיינמאל ניט געדארפט זיין מעהר פון הארצען, ווי היינט; קיינמאל זיינען זיי אבער ניט געווען ווייניגער ווי זיי האבען געזאלט זיין, ווי דאס היינטיגע מאל.

ק ל אַ ו ד י א . מיר זיינען בלויז מענשען, עמיליע. די ארט ווי אזוי גאָט צו בעטען, ליעגט ניט אין אונזער כח. צו וועלען תפלה טאָהן, איז ביי גאָט אויך אַ תפלה.

ע מ י ל י ע . און וועלען זינדיגען -- אויך אַ זינד.

קלאודיא. דאס האט דאך מיין עמיליע ניט געוואלט!...

עמיליע. ניין, מוטער, אזוי טיעף האט גאָט'ס חסד מיר נאך ניט געלאזען זינקען. אבער די פרעמדע זינד, קען אונז געגען אונ־זער ווילען, מאכען צום מיטשולדיגען!

קלאודיא פאס דיך! — ברייננ דיינע געדאנקען אין אָרדנונג, אויף וויט ווי דיר איז מעגליך. זאג מיר בקיצור, וואס איז מיט דיר געשעהן?

עמיליע. איך האב נאר־וואס, עטוואס ווייטער פון אלטאר ווי אימער, ווייל כ'בין צו שפעט געקומען — אוספייעט זיך אויף די קניע צו שטעלען. כ'האב נאר־וואס אנגעהויבען מיין הארץ פאָרצור־ברייטען, אלס הינטער מיר, גאנץ נאָהענט, האט עמיצער גענומען פּלאַץ. אזוי נאהענט צו מיר! איך האב זיך ניט געקענט אפרוקען, ניט אין פראָנט, ניט אן א זייט — ווי שטארק איך האב עס גע־וואלט, אויס מורא, מיין געבעט זאל ניט ווערען געשטערט פון א אנ־דערנס געבעט. — געבעט! ס'איז געווען דאס ערגסטע וואס איך האב ווען ניט איז געבעטען. — אבער, עס האט ניט לאנג געדויערט, מיט אמאָל הער איך, הארט ביי מיין אויער, נאך א טיעפען אפזיפ־צען, אנרופענדיג דעם נאמען — ניט דעם נאמען פון א הייליגער, — דעם נאמען — אָה, זיי דאך ניט אין כעס, ליעבע מוטער — דעם נאמען פון דיין טאכטער! מיין נאמען!... אָה! האלט מיר א דו־נער פארטומלען, ניט צו קענען הערען ווייטער! ס'האט גערעדט פון שענהייט; פון ליעבע — ס'האט געקלאגט און געזאגט: אז דיזער טאָג, וועלכער ברייננט מיר מיין גליק — אויב ער וועט עס נאר בריינ־גען — ברייננט איהם דאס אונגליק אויף אימער. ער האט מיך בעשווארען און איך האב דאס אלץ געמוזט צו־הערען, איך האב זיך אבער ניט אומגעקוקט; איך האב זיך געמאכט אז איך הער עס גאר נישט. וואס נאך האב איך דען געקענט? — בעטען ביי מיין גוטען מלאך, מיך צו מאכען טויב, און ווען אפילו אויך אויף אימער! — דאס

האב איך געטאָהן; דאס איז געווען דאס איינציגע וואס איך האב געקענט אויסדריקען אין מיין געבעט. -- ענדליך איז די צייט געקומען זיך ווידער אויפצושטעלען. די הייליגע צערעמאניע איז געווען צו ענד. איך האב געציטערט, זיך אומצוקוקען. איך האב זיך געשראקען, צו דערזעהן יענעם, וועלכער האט זיך געקענט ערלויבען דעם דאזיגען פארברעכען. און אז איך האב זיך אומגעקוקט און דערזעהן איהם...

קלאודיא. ועמען, טאכטער מיינס?

עמיליע. טרעף, ליעבע מוטער, טרעף עס. איך האב גע־מיינט אז די ערד עפענט זיך אונטער מיר — איהם אליין...

קלאודיא. ועמען, איהם אליין?

עמיליע. דעם פרינץ.

קלאודיא. דעם פרינץ? אָה, געבענשט זאל זיין דיין פא־טערס אונגעדולד. ער איז נאר־וואס דא געווען. ער האט אויף דיר ניט געוואלט ווארטען.

עמיליע. מיין פאטער איז דא געווען? און האט אויף מיר ניט געוואלט ווארטען?

קלאודיא. ווען דו וואלסט חלילה, אין דיין פערווירונג, אויך דאס נאך איהם דערצעהלט!...

עמיליע. נו, ליעבע מוטער! ווער וויים וואס פאר שלעכ־טעס ער וואלט פון מיר געקענט דיינקען?

קלאודיא. שלעכטעס, חלילה! פונקט אזוי פיעל ווי פון מיר. און דאָך, דאָך — דו קענסט ניט דיין פאטער! אין זיין כעס וואלט ער פארביטען דעם אונשולדיגען געגענשטאנד פון פארברע־כען, מיט'ן פארברעכען אליין. אין זיין רוגזא, וואלט ער געקוקט אויף מיר, ווי אויף איינער וואס איז שולדיג אין אלעם דעם, וואס איך האב ניט געקענט פערהינדערן, און צומאל גאר ניט געקענט פאָראויסזעהן. — אבער ווייטער, ווייטער טאָכטער מיינס, דערצעהל נאר ווייטער! אז דו האסט דעם פרינץ דערקענט — איך האָף אז דו ביזט געווען

געגוג שטארק, צו צייגען איהם מיט א יין בליק דייגעם, דיין פעראכ־טונג, וועלכע ער האט פערדיענט...

ע מ י ל י ע. דאס בין איך נ י ט געווען, מוטער! נאך ד ע ם בליק, מיט וועלכען איך האב איהם דערקענט, האב איך אויף איהם ניט געקענט מעהר קוקען; איך בין אנטלאפען.

ק ל א ו ד י א. און דער פרינץ נאך דיר —

ע מ י ל י ע. דאס האב איך ניט געוואוסט, ביז, שוין קומענדיג אין פאדערזאאל, האב איך געפיהלט אז עמיצער האט מיין ארעם אנ־גענומען, און דאס איז ע ר געווען! אוים שאנדע האב איך זיך גע־מוזט אפשטעלען; ווען איך וואלט זיך פון איהם ארויסרייסען, דאן וואלט איך מיט דעם געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון די פארביי־געהער. דאס איז געווען די איינציגע זאך וועלכע איך בין געווען פעהיג זיך צו איבערלעגען — אדער, ערשט איצט ווער איך קלאהר דערפון. ער האט צו מיר גערעדט און איך האב איהם געענטפערט. אבער וואס ער האט גערעדט, און וואס איך האב איהם געענטפערט — אויב איך וועל זיך נאך דערמאנען, דאן איז גוט; דאן, מוטער מיינס וועל איך עס דיר דערצעהלען. איצט וויים איך פון אלעם דעם גאר נישט. מיינע געדאנקען האבען מיך פערלאזען. — אומזיסט גאר פרוביר איך נאכצודענקען, ווי אזוי איך בין פון איהם אוועק און פון פא־דערזאאל ארוים. איך האב זיך אליין ערשט דאן ווידער געפיהלט, ווען איך בין ווידער אין גאס נעווען און געהערט ווי ער איז מיר נאכגעגאנגען, מיט מיר צוגלייך אין הויז אריין און די טרעפ ארויף —

ק ל א ו ד י א. די פורכט האט איהר אייגענעם זינן, טאכ־טער מיינס! איך וועל קיינמאל ניט פארגעסן מיט וואס פאר אן אייסדרוק אויף'ן פנים דו ביזט אריינגעלאפען. — ניין, אזוי ווייט האט ער ניט געדארפט זיך וואגען דיר נאכצופאלגען. — אה, גאט מיינער! ויען דיין באטער וואלט דאס געוואוסט!... ווי ווילד איז ער געווארען, ווען ער האט נאר דערהערט, אז דער פרינץ האט ניט

גלייבגילטיג אויף דיר געקוקט! — דאך, זיי רוהיג, מיין טאָכטער! בעטראכט די גאנצע זאך בלויז פאר א חלום. עס וועט אויך האַבען א פיעל קלענערע ווירקונג אלס א חלום. היינט ווערסט דו פון די אלע צו־טשעפעניסען פאר איין מאל פטור.

עמיליע. אבער, מוטער! דער גראף מוז דערפון וויסען. איהם מוז איך דאס זאגען.

קלאודיא. פאר קיין פאל ניט! — צו וואס? ווארום? ווילסט דו איהם גלאט אומזיסט בעאונרוהיגען? און לאָמיר אפילו אַננעהמען, אז איצט וועט ער דאס ניט זיין; זאָלסט וויסען, מיין קינד, אז א גיפט וואס ווירקט ניט גלייך, איז דעריבער ניט ווענינער געפעהרליך. דאס וואס מאכט אויף'ן ליעבהאבער קיין איינדרוק ניט, קען עס אויף'ן מאן יא מאכען. דעם ליעבהאבער קען עס פיעללייכט נאך שמייכלען, אזא וויכטיגען קאָנקורענט צו האבען בעזיעגען, אבער ווען ער איז מיט זיין זיעג שוין פערטיג; אָה, מיין קינד! — עס ווערט פון איהם גאנץ אָפט גאר אַן אנדער מענש. זאל דיר דיין גוטער מזל אויסהיטען פון אזא ערפאהרונג!

עמיליע. דו ווייסט, מוטער, ווי גערן איך לאז מיך פון דיינע עצות פיהרען. — אבער, ווען ער וועט דאס ערפאהרען פון אַן אנדערן, אז דער פרינץ האט היינט מיט מיר גערעדט, וועט מיין פערשוויינען, פריהער אָדער שפעטער, ניט פארגרעסערן זיין אונרוה? איך גלויב, בעסער, ניט צו באהאלטען פון איהם קיין זאך ביי מיר אין הארצען.

קלאודיא. שוואכקייט! פערליעבטע שוואכקייט! — ניין, דורכאויס ניט, טאָכטער מיינס! זאג איהם גאָרנישט. לאז איהם נאר קיין זאך ניט מערקען!

עמיליע. נו יא, ליעבע מוטער! מיין ווילען ווערט בטול נעגען דיינעם. — אהא! (אָטהעמט טיעף אָב) עס ווערט מיר טאקי ווידער לייכטער. — וואס פארא נארישע, שרעקעדיגע זאך איך

בין! ניט אזוי, מוטער? איך האב דאך געקענט גאר אנדערש זיך באנעהמען, און כ'וואלט פונקט אזוי ווייניג אין עולה בעגאנגען.

קלאודיא. איך האב דאס דיר ניט געוואלט זאגען, מיין טאכטער, בעפאר דיין אייגענער געזונדער פערשטאנד וועט עס דיר ניט האבען געזאגט. איך האב געוואוסט, אז ער וועט דיר דאס זאגען, אזוי גיך ווי דו וועסט ווידער צו זיך קומען. — דער פרינץ איז גאלאנט. דו ביזט ווייניג צוגעוואוינט צו דער אונבעדייטענדער שפראך פון דער גאלאנטעריע. דורך איהר קלינגט א העפליכקייט ווי א געפיהל; א חניפה'לע ווי א הויכשעצונג; אן איינפאל ווי א וואונש, און א וואונש ווי א בעשלוס. א גארנישט, קלינגט אין דער דאזיגער שפראך, ווי ס'וואלט געווען אלעס, און אלעס, איז אין איהר אלץ איינס ווי גארנישט.

עמיליע. אה, מוטער! — אויב אזוי דארף איך דאך ענדליך זיך אליין פארקומען לעבערליך מיט מיין מורא! — נו, זאל ער דערפון געוויס גאר ניט וויסען, מיין גוטער אפיאני! ער וואלט עס גאר גיכער געהאלטען פאר נאריש איידער פאר טוגענדהאפט. — אי! קומט ער אליין דאס איצט? ס'איז זיין גאנג...

זיעבענטער אויפטריט.

גראף אפיאני און די פאריגע.

אפיאני. (געהט אריין פערטראכטער־הייד מיט אויסגעשטעלטע אויגען און קומט נעהנטער ניט בעמערקענדיג קיינעם, ביז עמיליע שפרינגט איהר צו אנטקעגען.) אה, מיין טהייערסטע! איך האב ניט ערוואַרטעט דיך צו טרעפען דא אין פארצימער.

עמיליע. איך וואלט זיך געוואונשען, הערר גראף, איהר זאלט זיין פרעהליך אויך דארט, וואו איהר ערוואַרטעט מיך ניט. — אזוי אנגעצויגען? אזוי ערנסט? — איז דער היינטיגער טאג ניט ווערטה, אין איהם צו זיין אביסעל פרעהליכער אויפגעלעגט?

א פּ י א נ י. ער איז ווערטה מעהר ווי מיין גאנצער לעבען. אבער, די צוזאמענקלייבונג פון אזוי פיעל גליק, פאר מיר, — קען גאנץ מעגליך זיין, אז די גליקזעליגקייט אליין, איז דאס וועלכע מאכט מיר אזוי ערנסט, אדער, ווי איהר רופט עס, מיין פריילין, אנגעצויגען... (דערזעהענדיג דער מוטער) הא! איהר זייט אויך דאָ, גנעדיגע פרוי! — ווענען איך וועל באַלד מיט א אינטימערן נאמען האבען די עהרע צו רופען!

ק ל א ו ד י א. וועלכער וועט מיין גרעסטער שטאָלץ זיין! — ווי גליקליך ביזט דו, עמיליע! אָה, ווארום איז דיין פאטער ניט דא איצט, צו נעהמען אנטהייל אין אונזער ענטציקונג?

א פּ י א נ י. איך האב זיך נאר־וואס פון זיינע ארעמס ארויס־געריסען — אדער ריכטיגער, ער פון מיינע. אך, וואס פארא מאן אייער פאטער איז, עמיליע! א מוסטער פון דער גאנצער מענשליכער טוגענד! צו וואס פארא ערהאבענהייט שטייגט מיין נשמה ארויף ווען איך בין מיט איהם! קיינמאל איז מיין ענטשלוס — אימער עדעל און גוט צו זיין — ניט פעסטער, ווי אין דער צייט וואס איך זעה איהם; וואס איך דענק פון איהם. און מיט וואס דען אנדערש, ווי מיט די ערפיללונג פון דעם דאזיגען ענטשלוס, קען איך זיך די עהרע פערדיענען, זיין זוהן זיך צו רופען, — אייערער צו זיין, עמיליע?

ע מ י ל י ע. און ער האט אויף מיר ניט געוואלט ווארטען!

א פּ י א נ י. איך גלויב אז דאס איז צוליעב דעם, ווייל ער האט מורא געהאט אז די ערשיינונג פון זיין טאכטער, זאל איהם, אין דעם אויגענבליקליכען בעזוך, צופיעל אויפריהרען און זיין נשמה איבער־ווערטיגען.

ק ל א ו ד י א. ער האט געמיינט אז, אלס כלה, וועט ער דיר געפינען זעהר בעשעפטיגט, און האט ערפאהרען —

א פּ י א נ י. דאס האב איך מיט די צערטליכסטע בעוואונ־דערונג שוין פון איהם געהערט. — גוט אזוי, עמיליע! איך וועל

אין אייך אַ פרומע פרוי האָבען, און וועלכע איז אויף איהר פרומ־קייט גאָר ניט שטאָלץ....

קלאַודיאַ. אָבער, קינדער מיינע, טהוט איינס און לאָזט ניט אָב דאָס אַנדערע! — נו, ס'איז שוין צייט; מאַך, עמיליע!...

אַפּיאַני. וואָס, גנעדיגע פרוי?

קלאַודיאַ. איהר ווילט דאָך ניט, הערר גראַף, אַזוי ווי זי שטעהט דאָ, איהר צום אַלטאַר פיהרען?

אַפּיאַני. ווירקליך, דאָס ווער איך ערשט איצט געוואָהר. — ווער קען עס, עמיליע, אייך אָנקוקענדיג, אויך דענקען פון אייער פּוץ?... און וואָרום טאַקי ניט אַזוי, ווי זי שטעהט דאָ?

עמיליע. ניין, מיין ליעבער גראַף. ניט אַזוי, ניט אַזוי גראָדע; אָבער אויך ניט מיט פיעל מעהר פּראַכט, ניט פיעל. — איינס, צוויי, און איך בין פערטיג! גאָרנישט, אַ האָאָר ניט פון די ציערונג, די לעצטע מתּנה פון אייער פערשווענדערישען גרויסמוטה; גאָרנישט, קיין זאַך ניט, וואָס פּאַסען זיך צו פאַר אַזעלכע ציערונג! איך וואָלט זיי פיעללייכט געהאַסט, אָט די דאָזיגע ציערונג, ווען עס וואָלט ניט געווען פון אייך. — דען, דריי מאָל האָט מיר פון זיי זיך שוין געחלום'ט —

קלאַודיאַ. נו, פון דעם ווייס איך דאָך גאָר נישט.

עמיליע. אַז איך טראָג עס אויף זיך, און פּלוצלינג איז יעדער איינציגער שטיין פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּערל. און פּערל, מוטער מיינע, פּערל בעדייטען טרעהרען...

קלאַודיאַ. קינד! די דייטונג איז נאָך מעהר חלום ווי דער חלום אַליין. ביזט דו ניט געווען פון אימער אָן, אַ גרעסערע ליעבהאָבערין פון פּערל איידער פון שטיינער?

עמיליע. געוויס, ליעבע מוטער, געוויס —

אַפּיאַני. (שווערמוטהיג און נאָכדיינקענדיג) בעדייטען טרעה־רען — בעדייטען טרעהרען!

עמיליע. ווי? אייך ווערט עס אויפפאַלענד? אייך?

אפּיאַני יא, איך האָב זיך געדאַרפט שעהמען, — אבער ווען די איינבילדונגסקראַפט איז געשטימט זיך פאַרצושטעלען טרויעריגע בילדער —

עמיליע און וואַרום איז דאס אזוי? און וואָס מיינט איהר האָב איך בעשלאָסען אַנצוטהאָן — וואָס האָב איך געטראַגען; ווי האָב איך אויסגעזעהן דאַן, ווען איך האָב ביי אייך צום ערשטען מאל נושא־חן געווען? געדענקט איהר עס נאָך?

אפּיאַני. אויב איך געדענק נאָך? איך האָב אייך אין די געדאַנקען קיינמאל ניט געזעהן אַנדערש ווי אזוי, און זעה אייך אויך אזוי, אפילו ווען איך זעה אייך אַנדערש...

עמיליע. אלזא, א קלייד פון׳ם זעלבען קאָליר, פון׳ם זעלבען שניט, פריי און לויז —

אפּיאַני. אויסגעצייכענט!

עמיליע. און די האָאר ·

אפּיאַני. אין זייער נאַטירליכען ברוינעם גלאַנץ; אין לאָקען, ווי די נאַטור האט זיי געמאַכט...

עמיליע. ניט פערגעסען אריינצוטהאָן די ראָזע! גוט! גוט! — אביסעל געדולד נאָר, און אָט שטעה איך דאָ פאַר אייך אזוי!...

אכטער אויפטריט.

גראַף אפּיאַני. קלאַודיאַ גאַלאָטי.

אפּיאַני. (איהר נאָכקוקענדיג מיט א ניעדערגעשלאָגענע מינע.) פּערל בעדייטען טרעהרען! — אביסעל געדולד! — יא, ווען די צייט וואָלט נאָר ניט אין אונז געווען! — ווען א מינוט אויף׳ן זייגער, וואָלט זיך ביי אונז ניט אויסגעצויגען ווי יאָהרען!...

קלאַודיאַ. עמיליעס בעהויפּטונג, הערר גראַף, איז געווען

אזוי שנעל ווי ריכטיג. איהר זייט היינט ערנסטער ווי געוועהנליך. איין שריט בלויז פון דעם ציעל פון אייערע וואונשען... טהוט אייך דען באנג, הערר גראף, וואס דאס איז געווען דער ציעל פון אייערע וואונ־שען ?...

אפיאניי אָה, מוטער, קענט איהר דאס אייער זוהן חושד זיין ? — אבער, עס איז אמת; איך בין היינט אויסערגעוועהנליך טריב און פינסטער. — נו, זעהט נאר, גנעדיגע פרוי. — בלויז איין טריט פון ציעל, און נאך גאר ניט אנגעהויבען צו געהן — איז אין גרונד אלץ איינס. — אלעס וואס איך זעה, אלעס וואס איך הער, אלעס וואס איך טרוים, פרעדיגט מיר, זייט געסטערן און פארגעסטערן, דעם דאזיגען אמת. — דיעזער איינציגער געדאנק, קניפּט זיך צו צו יעדען אנדער געדאנק, וועלכען אך וויל, וועלכען איך מוז דענקען — וואס איז דאס ? איך פערשטעה דאס ניט...

קלאודיא. איהר מאכט מיר אונרוהיג, הערר גראף —

אפיאני. איינס קומט דאך נאך דאס צווייטע ! — מיך ערגערט; מיך ערגערט צוליעב מיינע פריינד ; צוליעב זיך אליין —

קלאודיא. וואס מיינט איהר ?

אפיאני. מיינע פריינד פערלאנגען, צום שלימזל, דאס איך זאל דעם פרינץ מעלדען פון מיין חתונה, נאך איידער איך געה עס פראווען. זיי גיעבען צו, אז קיין חוב אויף מיר איז עס ניט, אבער אויס אכטונג צו איהם דארף איך ניט טהאן אנדערש. — און איך בין גע־ווען שוואך גענוג זיי דאס צו פערשפּרעכען. נאר־וואס האב איך גע־וואלט אהין צו־פאהרען.

קלאודיא. (איבערראשט.) צו דעם פרינץ ?

נ י י נ ט ע ר א ו י פ ט ר י ט.

פיערא, מארינעלי און די פארגע.

פ י ע ר א. גנעדיגע פרוי, מארקיז מארינעלי ווארט פאר'ן הויז און פרעגט זיך אויף'ן הערר גראף.

א פ י א נ י. אויף מיר?

פ י ע ר א. דא איז ער שוין. (עפענט איהם אויף די טהיר און געהט אב.)

מ א ר י נ ע ל י. איך בעט אייך פערצייהונג, גנעדיגע פרוי. — הערר גראף, איך בין ביי אייך געווען און האב ערפאהרען דאס איך קען אייך דא טרעפען. איך האב מיט אייך צו רעדען וועגען א נויטיגען געשעפט. — גנדיגע פרוי, איך בעט אייך נאך אמאל אום פערצייהונג; אין איינינע מינוטען זעען מיר פארטיג.

ק ל א ו ד י א. וועלכע איך וויל ניט פערציהען לענגער. (פער־בויגט זיך געגען איהם און געהט אב.)

צ ע ה נ ט ע ר א ו י פ ט ר י ט.

מארינעלי. אפיאני.

א פ י א נ י. נו, מיין הערר?

מ א ר י נ ע ל י. איך קום פון זיין דורכלויכט, דעם פרינץ.

א פ י א נ י. וואס איז זיי פעהל?

מ א ר י נ ע ל י. איך בין שטאלץ, וואס איך דארף דורכפיה־רען אזא עהרענהאפטע שליחות. — און ווען גראף אפיאני וועט ניט זוכען מיט גוואלד, אין מיר, איינעם פון זיינע בעסטע פריינד ניט צו דערקענען...

א פ י א נ י. אהן א ווייטערע הקדמה, אויב ס'איז ערלויבט צו בעטען.

מארינעלי. דאס אפילו! — דער פרינץ מוז זאפארט, אין בעצוג זיין פערבינדונג מיט דער פרינצעסין פון מאסא, שיקען, א בעפאלמעכטינטען צו איהר פאטער, דעם הערצאג. ער האט זיך א לאנגע צייט ניט געקאנט בעשליסען, וועמען ער זאל דערצו ערוועהלען, ענדליך האט ער אויסגעקליבען אייך, הערר גראף.

אפיאני. מיך?

מארינעלי. און דאס. — ווען מ'מעג זיך בעריהמען מיט פריינדשאפט — ניט אהן מיין צו־העלפען —

אפיאני ווירקליך, איהר בריינגט מיר אין פערלעגענהייט, — וועגען אייך צו דאנקען... איך האב שוין לאנג ערווארט, דאס דער פרינץ זאל גערוהען מיך צו געברויכען...

מארינעלי. איך בין זיכער, דאס עס האט איהם בלויז געפעהלט א וויכטיגע געלעגענהייט. און ווען אפילו אויך די דאזיגע איז נאך ניט גענוג וויכטיג, פאר א מאן ווי גראף אפיאני, דאן איז מיין פריינדאפט צו איילענדיג געווען.

אפיאני. פריינדשאפט און פריינדשאפט צו יעדען דריטען ווארט! — מיט וועמען רעד איך דען?... די פריינדשאפט פון מאר־קיז מארינעלי וואלט זיך מיר גאר קיינמאל ניט גע'חלומ'ט. —

מארינעלי. איך גיעב צו מיין אונרעכט, הערר גראף, מיין אונפערצייהליכען אונרעכט, דאס איך האב אהן אייער ערלויבנים גע־וואלט זיין אייער פריינד. — אבער ביי אלעם דעם, וואס מאכט עס אויס? — דעם פרינץ'ס גנאדע, און די עהרע וועלבע איז אייך אנגע־באטען געווארען, בלייבען די זעלבע, און איך צווייפעל ניט, אז איהר וועט עס מיט בעגעהרען אננעהמען.

אפיאני. (נאך א קורצער איבערלייגונג.) נו, געוויס.

מארינעלי. טא קומט שוין.

אפיאני. וואוהין?

מארינעלי נאך דאזאלא, צו דעם פרינץ. — עס איז שוין

אלעס פארטיג, און איהר מוזט נאך היינט פאהרען.

א פ י א נ י. וואס רעדט איהר? — נאך היינט?

מ א ר י נ ע ל י, גלייכער נאך אין דיעזער שטונדע, איידער א שטונדע שפעטער. די זאך איז פון גרויס איילעניס.

א פ י א נ י. אין אמת? — דאן טהוט עס מיר זעהר לייד, דאס איך קען די עהרע, וועלכע דער פרינץ האט מיר צוגעטהיילט, ניט אנ־נעהמען.

מ א ר י נ ע ל י. ווי?

א פ י א נ י. איך קען היינט ניט אוועקפאהרען, — אויך ניט מארגען, — אויך ניט איבערמאגען...

מ א ר י נ ע ל י. איהר טרייבט שפאס, הערר גראף.

א פ י א נ י. מיט אייך?

מ א ר נ ע ל י. איהר טרייבט זעהר פיעל שפאס! אויב איהר מיינט מיט דעם פרינץ, איז דער שפאס נאך לוסטיגער...
איהר קענט ניט?

א פ י א נ י. ניין, מיין הערר, ניין. — און איך האף, אז דער פרינץ אליין וועט מיין ענטשולדיגונג אננעהמען.

מ א ר י נ ע ל י. איך בין'ס גערן צו זעהן.

א פ י א נ י. אך, א קלייניגקייט! — איך געה נאך היינט א פרוי זיך נעהמען.

מ א ר י נ ע ל י. נו, און דאן?

א פ י א נ י. און דאן? און דאן? אייער פראגע איז א פער־צווייפעלט נאאיווע...

מ א ר י נ ע ל י. עס טרעפט אזוינס, הערר גראף, דאס חתונות ווערן אבגעלייגט. — איך גלויב ניט געווים, דאס מען טהוט עס איי־מער נאר צוליעב דער כלה אדער דעם חתן'ס וועגען. די זאך מעג זיך זיין אונאנגענעהם, אבער דאך, דענק איך: דער בעפעהל פון'ם הערר...

א פ י א נ י. דער בעפעהל פון'ם הערר? פון'ם הערר? א הערר

וועלבען מען קלייבט זיך אליין אויס, איז אייגענטליך, ביי אונז ניט אזא גרויסער הערר — איך גיעב צו דאס איהר קענט זיך דעם פּרינץ שולדיג זיין אונבעדינגטען געהארכזאם. אבער ניט איך. — איך בין אין זיין הויף אלס פּרייוויליגער געקומען. איך האב געוואלט האבען די עהרע איהם צו דיענען, אבער ניט צו ווערן זיין שקלאף. איך בין דער אונטערטהאן פון א גרעסערן הערן ...

מארינעלי. גרעסער אדער קלענער, וואס איז דער אונ־טערשייד; א הערר איז א הערר...

אפּיאני. וואס האב איך מיט אייך איבער דעם צו שטרייטען! — גענוג. זאגט דעם פּרינץ אלץ וואס איהר האט פון מיר געהערט; אז עס טהוט מיר לייד, ניט צו קענען אננעהמען זיין גנאד, ווייל גראד היינט איז דער טאג פון מיין חתונה, אויף וועלבען מיין גאנצער גליק ווערט געגרינדעט.

מארינעלי. ווילט איהר איהם גארניט צו־וויסען לאזען — מיט וועמען?

אפּיאני. מיט עמיליע גאלאטי.

מארינעלי. טאקי פון דער הויז?

אפּיאני. פון דער הויז.

מארינעלי. הם! הם!

אפּיאני. וואס מיינט איהר?

מארינעלי. איך מיין, אז אויב אזוי, איז דא נאך וויינינגער שווירינקייט די צערעמאניע אפּצולייגען ביז איהר וועט קומען צוריק.

אפּיאני. די צערעמאניע? נאר די צערעמאניע?

מארינעלי. די גוטע עלטערן וועלען ניט זיין אזוי אויפ'ן האאר.

אפּיאני. די גוטע עלטערן?

מארינעלי און עמיליע בלייבט דאך געוויס אייערע.

אַפּיאַני. נו יא, נעווים? — איהר זייט מיט אייער נריא, נעווים, אַן אמת'ע אַפּע.

מאַרינעלי. מיך מיינט איהר, הערר גראַף?

אַפּיאַני. פאַרוואס ניט?

מאַרינעלי. הימעל און העללע! — מיר וועלען זיך נאָך דורכריידען...

אַפּיאַני. אַט! צו־להכעיס'דיג איז די אַפּע אבער...

מאַרינעלי. טוידט און פערראַמונג! — גראַף, איך פאָדער אייך אויף...

אַפּיאַני. דאס פערשטעהט זיך.

מאַרינעלי. און איך וואלט עס געוואלט טאַקי גלייך; — איך זאָל נאָר ניט דאַרפען דעם צערטליכען חתן זיין היינטיגע שמחה פאַרשטערען.

אַפּיאַני. אַך, ווי גוטהערציג! דאַך, אבער ניט! (נעהמט איהם אָן פאַר'ן האנד.) נאָך מאַסאַ, וויל איך זיך היינט געווים ניט לאָזען שיקען, אבער אויף אַ שפּאַציר מיט אייך האב איך נאָך גענוג צייט. — קומט נאָר! קומט נאָר!

מאַרינעלי. (רייסט זיך ארויס און געהט אַוועק.) נאָר געדולד.

עלפטער אויפטריט.

אַפּיאַני, קלאַודיא גאַלאָטי.

אַפּיאַני. געה, דו נידערטרעכטיגער! — הא! דאס האט אַ גוטע ווירקונג געמאַכט. מיין בלוט איז אין בעוועגונג געקומען. איך פיהל זיך גאַר אנדערש, און טאַקי בעסער.

קלאַודיא. (האַסטיג, מיט אַ בעזאָרגטע מינע.) גאָט! כ'האָב געהערט אַ שטאַרקען איבעררייַדען־זיך, הערר גראַף, — אייער פּנים פלאַמט. וואס איז פאָרגעקומען?

אפיאני. נאַרנישט, גנעדיגע פרוי, נאַרנישט. דער קאמער־הערר מארינעלי האט מיר א גרויסע טובה געטאָהן. ער האט מיר פארשפאַרט א גאנג צום פרינץ.

קלאודיא. ווירקליך?

אפיאני. מיר קענען דערפאר ארויספאָהרען אסך פריהער. איך געה צו־איילען מיינע לייטע און בין דאַ גלייך צוריק, און דערווייל וועט אויך עמיליע פערטיג ווערן.

קלאודיא. קען איך גאנץ רוהיג זיין, העררגראף?

אפיאני. גאנץ רוהיג, גנעדיגע פרוי. (זי געהט אריין און ער — אב.)

דריטער אַקט.

ערשטער אויפטריט.

דער פּרינץ. מאַרינעלי.

מאַרינעלי. אומזיסט נאר; ער האט די אנגעבאטענע עהרע מיט דער גרעסטער פעראכטונג צוריקגעוויזען.

דער פּרינץ. און אלזא, וועט דאס אזוי בלייבען? אזוי געהט עס געשעהן? און עמיליע ווערט נאך היינט זיין פרוי?

מאַרינעלי. עס זעהט אויס אזוי.

דער פּרינץ. איך האב אויף אייער איינפאל אזוי פיעל גע־בויט! — ווער וויים ווי נאריש איהר האט דערביי געהאנדעלט. — ווען א נאר גיט אמאָל א גוטע עצה, מוז מען אבער האבען א געשייטען מענשען עס דורכצופיהרען. איך האב עס געדארפט בעדענקען.

מאַרינעלי. דא געפין איך זיך שוין בעלוינט!

דער פּרינץ. און פאר וואס בעלוינט?

מאַרינעלי. איך האב מיין לעבען נאך דערפאר אין קאַן געוואלט שטעלען — ווען איך האב געזעהן, אז ניט מיט ערנסט און אויך ניט מיט שפּאַט, קען איך איהם בעוועגען, צו פערבויגען ליעבע צו־ליעב כבוד, האב איך געפּרואווט איהם פון די כלים ארויסברייננגען. איך האב איהם געזאגט אזעלכע זאכען, וועלכע האבען איהם פון גע־דולד ארויסגעבראכט. ער האט ארויסגעפלאצט געגען מיר מיט בעליידיגונגען, און איך האב פון איהם פערלאנגט גענוגטואונג — כ'האב עס גלייך אויפ'ן שטעל פערלאנגט. — איך האב מיך גע־קלעהרט: ענטוועדער ער מיר, אדער איך איהם... אויב איך וועל איהם אַבראמען, דאן בלייבט דאך דאס גאנצע פעלד פריי פאר אונז. —

אויב ער מיך, נו, אז אפילו אזוי! דאן וואלט ער געמוזט אנט־לויפען, און דער פרינץ וואלט וועניגסטענס צייט געוואונען...

דער פרינץ. דאס וואלט איהר געטהאן, מארינעלי?

מארינעלי. הא! מ'דארף עס פריהער וויסען, ווען מען איז אזוי נאריש בערייט זיך פיר די גרויסע אויפצואפפערן — מ'דארף עס אפריהער וויסען ווי פיעל מ'וועט דערפאר אנערקענען...

דער פרינץ. און דער גראף? — מ'האלט דאך איהם פאר איינעם, וועלכער לאזט זיך אזעלכעס צוויי מאל ניט איבער־חזר'ן!

מארינעלי. אז עס קומט איהם אויס, גאר אהן ספק. — ווער קען עס איהם פערדענקען? — ער האט געזאגט, אז היינט האט ער עפעס וויכטיגערעס צו טהאן, ווי זיך מיט מיר דעם האלז צו ברעכען. ער האט מיר בעשטעלט אויף די ערשטע אכט טאג נאך זיין חתונה...

דער פרינץ. מיט עמיליע גאלאטי! דער געאנק מאכט מיך ווילד! איז דערפאר האט איהר עס גענומען און געגאנגען — און געקומען און זיך בעריהמט, דאס איהר האט פאר מיר אייער לעבען אין קאן געשטעלט; זיך פאר מיר אויפגעאפפערט?...

מארינעלי. וואס ווילט איהר אבער, גנעדיגער העהר, איך זאל ווייטער טהאן?

דער פרינץ. ווייטער טהאן? — אזוי ווי עפעס וואלט ער שוין געטהאן!...

מארינעלי. אדרבה, לאזט טאקי הערען, גנעדיגער העהר, וואס איהר האט אליין פאר זיך געטהאן — אייך האט אזוי פיעל געגליקט, מיט איהר נאך אין דער קירכע צו ריידען, וואס האט איהר מיט איהר אבגערעדט?

דער פרינץ. (שפאטיש) אייער נייגעריגקייט איז שוין גרויס גענוג! איך דארף עס נאר בעפרידיגען. — אהה, אלעס איז געגאנגען ווי געוואונשען. איהר דארפט זיך ניט בעמיהען, מיין צו־דיענסטפער־

טינער פריינד! זי איז מעהר ווי העלפט־וועג מיינע פערלאנגגען אנט־קעגען געקומען. איך האב זי נאר בעדארפט מיט זיך מיט־נעהמען. (קאלט און בעפהלענד.) נו, אט ווייסט איהר שוין וואס איהר האט גע־וואלט וויסען, — און קענט זיך געהן!

מארינעלי. און קענט זיך געהן! — יא, יא. דאס איז די ענד פון'ם ליעד! און ס'וואלט געווען, צוגעבענדיג אפילו, ווען איך וואלט דאס אונמעגליכע פרובירט, — דאס אונמעגליכע, זאג איך, — אזוי אונמעגליך וואלט עס דאך ניט געווען; אבער געוואגט!... ווען מיר וואלטען די כלה אין אונזער מאכט געהאט; דאן וואלט איך שוין געזעהן אז פון דער חתונה זאל גאר נישט ווערען.

דער פרינץ. אי! פאר וואס דער וויל אלץ ניט נאראנ־טירען? איך דארף איהם נאר געבען א קאמפאניע פון מיין לייב־וואך; ער וואלט זיך מיט דעם אויפ'ן וועג בעהאלטען און זייערע פופציג מאן צוזאמען, וואלטען זיי איבערגעפאלען אן איינצינגען וואגען און ארויס־געכאפט א מיידעל, וועלכע ער וואלט מיר מיט טריאומף אהערגעבראכט.

מארינעלי. עס איז נאך קיינמאל א מיידעל ניט ענטפיהרט געווארען מיט גוואלד, עס זאל ניט האבען אויסגעזעהן ווי גוואלדזאמע ענטפיהרונג...

דער פרינץ. ווען איהר וואלט געוואוסט ווי דאס צו מא־כען; וואלט איהר צוערשט אזוי פיעל ניט געפלאפעלט.

מארינעלי. מ'קען דאך אבער פאר'ן רעזולטאט ניט קא־ווירע. — עס קענען דערביי אונגליקספעלע פאסירען....

דער פרינץ. און דאס איז שוין אין מיין נאטור, דאס איך מאך די מענשען פעראנטווארטליך פאר זאכען וועלכע זיי קענען ניט!...

מארינעלי. אלזא, גנעדיגער העדר — (מען הערט פון ווייטען א שאס.) הא! וואס איז דאס געווען? — האב איך גוט גע־

הערט ? — האט איהר אויך ניט געהערט א שאָס, גנעדיגער הערר ? — און דא נאך איינער !

דער פרינץ. וואס איז דאס ? וואס טהוט זיך דא ?

מארינעלי. וואס דענקט איהר דען ? — ווען איך בין טהעטיגער אלס איהר דענקט...

דער פרינץ. טהעטיגער ? — טו זאגט דאך שוין —

מארינעלי. אין קורצען: פון וואס איך האב גערעדט, טהוט איצט געשעהן.

דער פרינץ. איז דאס מעגליך ?

מארינעלי. נאר פערגעסט ניט, פרינץ, וואס איהר האט מיר נאר־וואס פערזיכערט. — גיט מיר אייער ווארט נאך א מאל...

דער פרינץ. אבער די איינריכטונגען זענען דאך אזוי —

מארינעלי. ווי זיי קענען נאר זיין ! — די אויספיהרונג איז אנפערטרויט געווארען אזוינע מענשען, אויף וועלכע איך קען זיך שוין פערלאזען. די וועג געהט הארט ביי'ם פלאנקען פון טיער־גארטען פערביי. דא וועט איין טהייל פון דער קאמפאניע האבען בעפאלען דעם וואגען, מיט'ן אנשטעל ווי צו בערויבען, און א צווייטער טהייל, צווישען וועלכע עס איז דארט איינער פון מיינע בעדיענטע, האבען בעדארפט פון טיער־גארטען ארויסקומען, כלומר'שט די בעפאלענע צו הילף קומען. אין דער צייט, וואס דער כלומר'שטער געשלעג קומט פאָר צווישען ביידע פארטיעס, דארף מיין דיענער כאפען עמיליען, ווי ער וואלט זי וועלען רעטען, און איהר ברייגגען דורך'ן טיער־גארטען גלייך אין שלאָס אריין. — אזוי איז אבגערעדט געווארען. — וואס זאגט איהר איצט, מיין פרינץ ?

דער פרינץ. איהר איבערראשט מיך אויף א מאדנעם אופן, און עפעס ווער איך אונרוהיג — (מאַרינעלי געהט צו צום פענסטער.) גאך וואס קוקט איהר ?

מארינעלי. אָן דארט מוז דאס זיין ! — ווירקליך !

— און איך זעה שוין ווי איינער א פארמאסקירטער איז דעם פּלאנ־קען אריבערגעשפּרונגען. — גאר אהן צווייפעל, מיך פון'ם ערפאלג צו בעריכטען. — געהט אוועק אויף א ווילע, גנעדיגער העררי.

דער פּרינץ אָה, מארינעלי —

מארינעלי. נו? ניט אמת, איצט שוין האב איך צופיעל געטאהן און פריהער צו ווענינ?

דער פּרינץ. אך, לאזט דאך. אבער איך זעה ביי אלעם דעם ניט אב — —

מארינעלי. אָבזעהן? — בעסער אלץ פאר א מאל! גע־שווינד, ערוויטערט זיך... די מאסקע טאר אייך נישט זעהן. (דער פּרינץ געהט אב.)

צווייטער אויפטריט.

מארינעלי. און גלייך נאכדעם אַנדשעלאָ.

מארינעלי. (געהט ווידער צו צום פענסטער.) דארט פאהרט דער וואגען לאנגזאם צוריק אין שטאדט. — אזוי לאנגזאם? און ביי יעדער זייט א בעדיענטער? — דאס זענען סמנים וועלכע געפעהלען מיר ניט; ס'זעהט אוים אז דער שטרייך האט נאר בלויז א העלפט גע־לונגען; דאס מ'פיהרט צוריק א פערוואונדעטען — און ניט קיין טויטען. — די מאסקע קומט ארונטער! — דאס איז אנדשעלאָ אליין, דער ווילד־וואגענדער!... ענדליך, איצט ווייסט ער אלץ — ער ווינקט צו מיר, ער מוז זיין זיכער מיט זיין זאך. — הא, העדר גראף, איהר האט ניט געוואלט געהן נאך מאססא, און איצט מוזט איהר א ווייטערע רייזע מאכען? ... ווער האט אייך אזוי אויסגעלע־רענט די אפּען צו קענען? (געהט צו צום טהיר.) געווים זענען זיי צו־להכעיס'ניקעס. — נו, אנדשעלאָ?

אַנדשעלאָ. (נעהמט ארונטער די מאסקע.) פּאסט נאר אויף, העדר קאמערהערר! מ'דארף זי גלייך ברענגען.

מארינעלי. און ווי איז דאס אבגעלאפען?

אנדשעלאַ. גאנץ גוט, דענק איך.

מארינעלי. ווי האלט עס מיט'ן גראף?

אנדשעלאַ. אייך צו דיענען! אט אזוי און אזוי!... אבער ער האט דערפון געמוזט וואס וויסען; דען ער איז ניט געוועזן אין גאנ־צען אונפאַרבערייטעט.

מארינעלי. געשווינד, זאג מיר וואס דו האסט צו זאגען; איז ער טוידט?

אנדשעלאַ. עס טהוט מיר לייד פאר'ן גוטען העררע...

מארינעלי. נו דא, נעהם עס פאר דיין מיטליידענדעס הארץ! (גיט איהם א בייטעל מיט געלד.)

אנדשעלאַ. מיין בראווער ניקאָלא! האט נעבעך אויך גע־מוזט פאר זיין באד בעצאהלען.

מארינעלי. אזוי! פערלוסט אויף ביידע זייטען?

אנדשעלאַ. כ'פיהל ווי צו וויינען איבער'ן עהרליכען יונג! באַטש זיין טוידט האט דאס (וועגענדיג אויף'ן האנד דאס בייטעל געלד.) שוין מיט א פערטעל שווערער געמאכט, דען איך בין זיין יורש, ווייל איך האב זיך פאר איהם אנגענומען. דאס איז שוין ביי אונז אזא געזעץ; איך גלויב, אזא גוטער געזעץ, וואס איז קוים ווען נאר פאר טרייהייט און פריינדשאפט ערפונדען געווארען. דער דאזיגער ניקאָלא, העררע קאַמערהעררע...

מארינעלי. צום... מיט דיין ניקאָלא! — אבער דער גראף, דער גראף —

אנדשעלא. אה! דער גראף האט איהם גוט אנגענומען. דערפאר אבער האב איך ווידער, גוט אנגענומען דעם גראף! — ער האט אנידערגעשטירצט, און אויב ער איז נאך א לעבעדיגער אריין אין קוטש, וועל איך שוין זעהן, אז ער זאל קיין לעבעדיגער פון איהר ניט ארויס.

מארינעלי. אויב עס איז נאָר אלץ אזוי ווי דו זאגסט, אַנדשעלא.

אנדשעלא. איך זאל אייך פערליערען אלס קונד, אויב עס איז ניט אמת!... האט איהר נאך וואס צו בעפעהלען? דען מיין וועג איז זעהר א ווייטער; מיר ווילען נאך היינט דעם גרעניץ אריבער.

מארינעלי. טו נעה!

אנדשעלא. ווען עס מאכט זיך וואס ווידער, הערר קאמער־הערר — איהר ווייסט דאך וואו מ'קען זיך אויף מיר פרעגען. וואס אן אנדערער קען זיך אונטערנעהמען, וועט פאר מיר אויך ניט זיין אונ־מעגליך. און בילינגער בין איך דאך ווי ווער ס'איז אנדערש. (געהט אב.)

מארינעלי. ס'איז גוט! — אבער דאך ניט אין גאנצען גוט! ... פפוי, אנדשעלא! צו זיין אזוי קארג! ער איז נאך געווים ווערט געוועזן א צווייטען שאָס — און ווי מוז ער זיך, פיליכט, איצט מאטערן, דער ארימער גראף! פפוי, אנדשעלא! דאס הייסט טהאן א זאך אזוי גרויזאם! — און פערפושען... אבער דער פרינץ דארף נאך דערפון גאר נישט וויסען. ער מוז ערשט פריהער אליין אויסגעפינען, וואס דיעזער טוידט ברענגט איהם... דיעזער טוידט! — וואס וואלט איך ניט געגעבען אום צו וויסען עס אויף זיכער!

דריטער אויפטריט.

דער פרינץ. מארינעלי.

דער פרינץ. דארט קומט זי אין דער אלעע. זי לויפט פאראויס, פאר די בעדיענטע; די מורא, ווי עס שיינט, מאכט איהרע פיס לייכט. זי מוז נאך קיין זאך ניט חושד זיין. זי גלויבט, זיך בלויז פון רויבער צו רעטען... אבער ווי לאנג קען דאס דויערן?

מארינעלי. אלזא, האבען־מיר זי דאך ענדליך.

דער פרינץ. און וועט די מוטער איהרע איהר ניט אויפ־זוכען? וועט דער גראף איהר ניט נאכפאלגען? ווי וועלען מיר דאס אויסזעהן? ווי קען איך זיך פון זיי בעהאלטען?

מארינעלי. געוויס, קען איך אייך נאך אויף דעם אלעם פארלויפיג ניט ענטפערן, אבער מיר מוזען עס בעטראכטען. האט נאר געדולד, גנעדיגער העררּ. דער ערשטער שריט איז דאך שוין געטהאן געווארען. —

דער פרינץ. אבער צו וועלכען נוצען? ווען מיר מוזען איהם אבמאכען צוריק.

מארינעלי. פילייכט מוזען מיר עס ניט. — עס זיינען דא טויזענד געגענשטאנדען אויף וועלבע עס לאזט זיך בויען. — און פערגעסט איהר דען דאס פארנעהמסטע?...

דער פרינץ. וואס קען איך פערגעסען, וועלכעס איך האב זיכער נאך ניט געדענקט? — דאס פארנעהמסטע? וואס איז עס דען?

מארינעלי. די קונסט צו געפעהלען ווערען, צו איבער־רעדען, וועלבע פעהלט קיינמאל ניט אוים א פרינץ וועלבער ליעבט

דער פרינץ. קיינמאל ניט פעהלט? אויסער דארט וואו ער דארף עס אם נויטיגסטען. — כ'האב שוין היינט א צו שלעכטע פראבע געמאכט מיט דער דאזיגער קונסט. מיט אלע שמייכלערייען און הויכשעצונגען האב איך קיין איין ווארט געקענט פון איהר ארווס־ציהען. שטום, ניעדערגעשלאגען און ציטערנדיג איז זי אזוי געשטא־נען ווי א פערברעכערין, וועלבע הערט אוים איהר טוידט־אורטהייל. איך האב זיך אליין פון איהר שרעק אנגענומען; איך האב מיט־געציטערט און האב געענדיגט מיט א געבעט — מיך צו פערצייי־הען. איך געטרוי זיך קוים, צו איהר וויעדער צו ריידען. — ביי איהר אריינקומען, אם וועניגסטענס, וואג איך ניט דא צו זיין. איך וועל הערען דא פון נאהנטען ווי עס וועט דא צוגעהן, און וועל ארוים־קומען, ווען איך וועל זיך האבען מעהר געפאסט.

פערטער אויפטריט.

מאריגעלי, זיין בעדיענטער באטיסטא מיט עמיליען.

מארינעלי. וואלט זי איהם כאטש ניט געזעהן אניערער־שטירצען — און דאס האט זי געוויס ניט, ווייל זי איז אזוי איילענדיג געלאפען — זי קומט. אויך איך וויל ניט זיין דער יעניגער, וועמען איהר אויג זאל צוערשט דערזעהן. (ער ציהט זיך צוריק אין א ווינקעל פון זאאל.)

באטיסטא. קומט נאר דא אריין, גנעדיגע פריילין.

עמיליע. (אהן אן אטהעם.) אה! — אה! — איך דאנק אייך מיין פריינד, — איך דאנק אייך, — אבער מיין גאט, גאט מיינער! וואו בין איך? — און אזוי איינינקע אליין? וואו איז מיין מוטער געבליעבען? וואו איז געבליעבען דער גראף? — זיי קומען דאך גלייך?

באטיסטא. איך גלויב אזוי.

עמיליע. איהר גלויבט אזוי? איהר ווייסט דאס ניט אויף זיכער? איהר האט זיי ניט געזעהן? האט מען ניט געשאסען הינטער אונז?...

באטיסטא. געשאסען? — ס'איז מעגליך! —

עמיליע. גאנץ געוויס! און דאס האט געטראפען דעם גראף אדער מיין מוטער. —

באטיסטא. איך וועל גלייך צו זיי געהן.

עמיליע. ניט אהן מיר. — איך וויל מיטגעהן, איך מוז מיטגעהן. קומט, מיין פריינד!

מארינעלי. (קומט צו פלוצלינג, ריכטיג ווי ער וואלט נאר־וואס אריינגעקומען.) אה, גנעדיגעס פריילין! וואס פאר אן אונגליק, אדער ריכטיגער, וואס פאר א גליק, — וואס פאר א גליקליכער אונגליק פערשאפט אונז די עהרע —

עמיליע. (פערוואונדערט.) ווי? איהר דא, מיין הערר? בין איך דען אלזא ביי אייך? — פערצייהעט מיר, הערר קאמערהערר. מיר זיינען דא ניט ווייט פון רויבער בעפאלען געווארען. גוטע מענשען זיינען אונז צו הילף געקומען — און דיעזער עהרליכער מאן האט מיר פון וואגען ארויסגעהויבען און אהער געבראכט. — אבער עס שרעקט מיך זעהר, צו זעהן בלויז זיך אליין גערעטעט. מיין מוטער איז נאך אין געפאהר; מען האט זאגאר הינטער אונז געשאָסען. זי איז פיל־לייכט טוידט, — און איך לעב? — פערצייהט מיך, איך מוז געהן. איך מוז ווידער אהין, — וואו איך האב גלייך בעדארפט פער־בלייבען...

מארינעלי. בערוהיגט זיך גנעדיגעס פריילין. אלעס איז אין אָרדנונג, זיי וועלען באלד ביי אייך זיין, די יעניגע, אום וועלכע איהר פיהלט אזוי פיעל צערטליכע אנגסט. — דערווייל, באטיסטא, געה, לויף, פיליכט וויסען זיי ניט וואו די פריילין איז. זיי זוכען איהר פיליכט אין וועלכע פון די ווירטשאפטס־הייזער אין'ם גארטען. ברייננ זיי אונגעזאמט אהער. (באטיסטא געהט אב.)

עמיליע. געוויס! זיינען זיי אלע אין זיכערהייט? האט זיי קיין זאך ניט געטראפען? — אה! וואס פאר א שרעקליכער טאג איז דאס דער היינטיגער פאר מיר! אבער, איך דארף דא ניט בליי־בען; איך האב זיי בעדארפט אנטקעגענ לויפען...

מארינעלי. צו וואס איז דאס נויטיג, גנעדיגעס פריילין? איהר זייט שוין אויסער דעם אויך אהן אטעם און כח, ערהאָלט זיך ליע־בערשט, און זייט אזוי גוט אריינצוגעהן; אין א צימער וואו עס איז דא מעהר בעקוועמליכקייט. — איך קען זיך וועטען, אז דער פרינץ איז שוין ביי אייער עהרווירדיגע מוטער, און ער אליין ברענגט איהר אהער צו אייך...

עמיליע. ווער, זאגט איהר?

מארינעלי. אונזער גנעדיגער פרינץ אליין.

עמיליע. (אויסערסט בעשטירצט.) דער פרינץ?

מארינעלי. אויף די ערשטע נאכריכט איז ער געלאפען אייך צו הילף. ער איז העכסט אויפגעבראכט, דאס אזא פערברעכען איז געוואגט געווארען, אזוי נאהנט פון איהם, פאר זיינע אויגען. ער לאזט נאכיאגען די פערברעכער, און ווען מען וועט זיי כאפען, וועלען זיי קריגען אן אונערהערטע שטראף.

עמיליע. דער פרינץ? — וואו בין איך דען, אלזא?

מארינעלי. אין דאזאלא, אין דעם פרינץ'ס לוסט־שלאס

עמיליע. וואס פאר א צופאל! — און איהר גלויבט דאס ער אליין קען באלד אנקומען? —אבער דאך צוזאמען מיט מיין מוטער.

מארינעלי. דא איז ער שוין.

פינפטער אויפטריט.

דער פרינץ. עמיליע. מארינעלי.

דער פרינץ. וואו איז זי? וואו? — מיר זוכען אייך אמעדום, שעהנעם פריילין; איהר זייט דאך געזונד? נו, איז אלעס גוט! דער גראף, אייער מוטער, —

עמיליע. אה, גנעדיגער הערר! וואו זיינען זיי? וואו איז מיין מוטער?

דער פרינץ. ניט ווייט, דא גאנץ נאהענט פון דאנען.

עמיליע. גאט, אין וואס פארא צושטאנד קען איך זי נאך טרעפען! יא, געווים טרעפען! — דען איהר באהאלט פון מיר, גנעדיגער הערר — איך זעה'ס, איהר באהאלט פון מיר —

דער פרינץ. ניין דאך, בעסטעס פריילין. — גיעט מיר אייער ארעם און קומט מיט מיר גאנץ רוהיג.

עמיליע. (אונענטשלאסען) אבער — אויב זיי האט קיין זאך

ניט געטראָפען — אויב מיינע אהנונגען נארען מיך בלויז; טו ווארום זיינען זיי שוין ניט דאָ? ווארום, גנעדיגער הערר, זיינען זיי ניט געקומען מיט אייך?

דער פרינץ. אויב אזוי, טו איילט זיך טאקי צו, מיין פריילין, צו מאכען א סוף צו די אלע שרעקענס־בילדער, פאר איין מאל. —

עמיליע. וואס זאל איך טאָהן? (ברעכט מיט די הענד.)

דער פרינץ. וואס איז, מיין פריילין? האט איהר א וועלכען חשד געגען מיר?

עמיליע. (אנידערפאלענדיג פאר איהם.) צו אייערע פיס פאל איך, גנעדיגער הערר —

דער פרינץ. (הויבט זי אויף.) איך פיהל זיך העכסט פערשעהמט. — יא, עמיליע, איך פערדיען דיעזען שטומען פארוואורף. —מיין האלטען־זיך היינט אין דער פריה קען מען ניט פערענטפערן, אם וועניגסטענס ענטשולדיגען. פערצייהעט מיך מיין שוואכקייט. איך האב אייך ניט געזאלט בעאונרוהיגען מיט א געשטענדניס, פון וועלכען איך האב קיין פארטהייל פאר זיך ניט געקאנט ערווארטען. איך בין שוין אויך גענוג בעשטראפט געווארען דורך די שפראכלאזע בעשטירצונג, מיט וועלכע איהר האט מיך צוגעהערט, אדער ריכטיגער, ניט צוגעהערט. — און וואלט איך שוין געקענט דיעזען צופאל, וועלכער האט מיר נאך אמל פערשאפט דאס גליק אייך צו זעהן און מיט אייך צו ריידען, בעפאר אלע מיינע האפנונגען פערשווינדען אויף אויביג — אלס א גוטען סמן פון גליק זיך ערקלעהרען, — פאר דאס וואונדערבארסטע אבציהונג פון מיין ענדליבע פעראורטהיילונג, דאס צו ערקלעהרען, אום נאך א מאל צו קענען בעטען אום גנאדע, — וויל איך איצט, אלזא — ציטערט ניט, מיין פריילין — אין גאנצען פון אייער בליק זיין אבהענגיג; איהר זאלט זיך פון קיין ווארט, פון קיין זיפץ ניט געפינען בעלעדיגט; קריינקט מיך ניט מיט אייער מיסטרויען;

צוויפעלט ניט קיין אויגענבליק אין די אונבעשרענקטע מאכט, וועלכע איהר האט איבער מיר; עס זאל אייך נאר ניט אויפ'ן געדאנק ארויף דאס איהר בעדארפט אימיצענס אנדערש הילף נעגען מיך האבען.
— קומט דאך, פריילין מיינס, קומט, דארט וואו עס ווארטען אויף אייך ענטציקונגען, וועלכע איהר וועט זיי מעהר ווי צו שעצען. (ער פיהרט זי, ניט אהן וועהרענדיג זיך פון איהר זייט.) געהט אונז אויך נאך, מאַרינעלי. —

מאַרינעלי. געהט אונז נאך, — דאס מוז מיינען: געהט אונז ניט נאך! — וואס האב איך זיי אויך נאכצוגעהן? זאל ער פרובירען ווי ווייט ער קען עס ברייגנען מיט איהר, אונטער פיער אויגען. — אלץ וואס איך האב צו טאהן איז — ניט צו דערלאַזען דאס זיי זאלען ווערען געשטערט. פון'ם גראף אפילו, האף איך דאס ניט, אבער פון דער מוטער, פון דער מוטער! מיך וועט עס זעהר וואונדערן, ווען זי וועט רוהיג פון דאנען אוועקגעהן און דא לאזען איהר טאכער אין שטיך. — נו, באַטיסטא? וואס הערט זיך?

זעקסטער אויפטריט.

באַטיסטא. מאַרינעלי.

באַטיסטא. (געאיילט) די מוטער, הערר קאמערהערר —

מאַרינעלי. האב איך עס דאך געדענקט! — וואו איז זי? אויב איהר וועט זי ניט אנטקעגנען קומען וועט זי דא זיין אין אן אויגענבליק — ווען איהר האט מיך בעפאַהלען, מיט אן אנשטעל, זי אויפצוהאלטען, איז עס מיר גאר ניט געפעלען געווארען, ווען איך האב דערהערט איהר קול פון ווייטען, שרייענדיג נאך הילף. זי איז אויף דעם שפור פון איהר טאכטער, און ווען ס'זאל נאר ניט אונזער גאנצער אנשלאג! — — וויעפיל עס געפינען זיך נאר מענשען אין דיזען איינזאמען געגענד, האבען זיך אלע ארום איהר ארומגעקליעבען,

און יעדער איינער וויל זיין דעריעניגער, וועלכער וועט איהר דעם וועג ציינען. אויב מען האט איהר שוין געזאגט דאס דער פרינץ איז דא; דאס איהר זייט דא, דאס וויס איך ניט. — וואס ווילט איהר טאָהן?

מארינעלי. לאמיר זעהן! — (איבערלעגט זיך.) איהר ניט אריינלאזען, ווען זי וויים דאס איהר טאכטער איז דא? — דאס געהט ניט, — געוויס. זי וועט אנשטעלען א פאָאר אויגען, ווען זי וועט דערזעהן דעם וואלף ביי דער שעפעלע. אויגען? דאס אַרט מיך נים. אבער גאָט זאל טאהן חסד מיט אונזערע אויערן! — נו, וואס? די בעסטע לונג קען זיך אויסשעפען, און אפילו די לונג פון א פרוי. זיי הערען אלע אויף צו שרייען ווען זיי קענען שוין ניט מעהר. — דערצו, ס'איז דאך די מוטער, וועלכע מיר דארפען אויף אונזער זייט געווינען. — ווען איך קען נאר גוט די מוטערס; צו זיין די שוויגער־מוטער פון א פרינץ, דאס שמייכעלט שוין די מייסטע. — לאז איהר קומען, באַטיסטא. לאז איהר קומען!

באַטיסטא. הערט נאר! הערט נאר!

קלאודיא גאלאָטי. (אינעווייניג.) עמיליע! עמיליע! מיין קינד, וואו ביסטו?

מארינעלי. געה, באטיסטא, און זעה איהרע נייגעריגע בעגלייטער פון דאנען צו ערווייטערן.

זיעבענטער אויפטריט.

קלאודיא גאלאָטי. באטיסטא. מארינעלי.

קלאודיא. (קומט אריין אין טהיר אין דעם ווי באטיסטא וויל ארויסגעהן.) הא! דער האט זי ארויסגענומען! דער האט איהר אוועקגעפיהרט! איך דערקען דיך. וואו איז זי? רייד, דו אונגליקליכער!

באטיסטא. איז דאס מיין דאנק?

קלאודיא. אָה, ווען דו פערדיענסט א דאנק, (געלאסען.)

— דאַן פערצייהע מיך, עהרליכער מאַן! — וואו איז זי? — לאָז מיך ניט לענגער זיין אהן איהר. וואו איז זי?

באַ טיסטאַ. אָה, אייער גנאַדען, זי קען זיך זיכערער ניט פיהלען אין'ם שויס פון דער זעליגקייט. — מיין העררדא, ווערט אייער גנאַדען צו איהר פיהרען. (צו אייניגע לייטע וועלכע האַבען געוואַלט אריינדרינגען.) צוריק נאָר! איהר!

אכטער אויפטריט.

(קלאַודיאַ גאַלאַטי. מאַרינעלי.)

קלאַודיאַ. דיין העררר? — (קוקט אַן מאַרינעליין און רוקט זיך אַב צוריק.) האַ! — דאַס דיין העררר? — איהר זייט דאַ, מיין העררר? און דאַ איז אויך מיין טאַכטער? און איהר, איהר זאָלט עס מיר צו איהר פיהרען?

מאַרינעלי. מיט פיעל פערגניגען, גנעדיגע פרוי.

קלאַודיאַ. האַלט נאָר! — ס'פאַלט מיר איצט עפּעס איין — איהר זייט עס געוועזן... ניט? — וועלכער האָט דעם גראַף הייגט אין דער פריה אין מיין הויז אויפגעזוכט? מיט וועלכען איך האָב איהם אַליין איבערגעלאַזען? מיט וועמען ער איז אין אַ קריעג געקומען?

מאַרינעלי. קריעג?... דאַס האָב איך גאָר ניט געוואוסט; אַן אונבעדייטענדע איבעררעדעניך, אין הערשאַפטליכע אַנגעלעגענהייטען.

קלאַודיאַ. און אייער נאָמען איז מאַרינעלי?

מאַרינעלי. מאַרקיז מאַרינעלי.

קלאַודיאַ. אַזוי איז עס ריכטיג. — הערט נאָר צו, הערר מאַרקיז — מאַרינעלי איז געוועזן... דער נאָמען מאַרינעלי איז געוועזן — בעגלייט מיט אַ קללה — ניין, כ'וויל דעם עדעלען מאַן ניט פערלוימדען! — מיט קיין קללה בעגלייט — די קללה לעג איך אַליין צו — דער נאָמען מאַרינעלי איז געוועזן דער לעצטער וואָרט פון'ם שטערבענדען גראַף.

מאריגעלי. פון'ם שטערבענדען גראף? גראף אפיאני?
— איהר הערט, גנעדיגע פרוי, וואס עס פאלט מיר אם מייסטען אויף אין אייער מאדנעם געשפרעך: — פון'ם שטערבענדען גראף? וואס איהר ווילט זאגסט זאגען פערשטעה איך ניט.

קלאודיא. (ביטער און לאנגזאם.) דער נאמען מארינעלי איז געוועזן דער לעצטער ווארט פון'ם שטערבענדעם גראף! — פערשטעהט איהר מיך איצט?... איך האב עס פון אנפאנג אליין ניט פערשטא־נען, כאטש זיי זיינען געוועזן אויסגעשפראכען מיט א טאָן!... איך הער איהם נאך, דיזען טאָן! וואו איז מיין פערשטאנד געוועזן, דאס איך האב דיזען טאָן ניט גלייך געקענט פערשטעהן?

מארינעלי. נו, גנעדיגע פרוי? — איך בין אימער געוועזן א פריינד פון'ם גראף, זיין פערטרויטעסטער פריינד. אלזא, ווען ער האט מיר נאך ביי זיין שטארבען דערמאנט...

קלאודיא. מיט דעם טאָן? — איך קאן איהם ניט נאָכ־מאכען, איך קאן איהם ניט בעשרייבען; אבער ער ענדעקט אלץ! אלץ!
— וואס? זיינען דאס געוועזן רויבער, וואס האבען אונז בעפאלען?
— ס'זיינען געוועזן פשוט'ע מערדער, אונטערגעקויפטע מערדער! — און מארינעלי, מארינעלי איז געוועזן דער לעצטער ווארט פון'ם שטאר־בענדען גראף! מיט א טאָן!

מארינעלי. מיט א טאָן? איז דאס געהערט? אויף א טאָן, וועלכען מ'האט געהערט אין א אויגענבליק פון שרעק, צו גרינדען די בעשולדיגונג פון אן עהרליכען מענשען?

קלאודיא. הא! וואלט איך איהם נאר געקענט פאר'ן געריכט ברענגען, דיזען טאָן! — דאך, וועה ז'מיר! איך פערגעס דערוויל אן מיין טאכטער. — וואו איז זי! — ווי? איך טוידט? וואס איז מיין טאכטער'ס שולד געוועזן וואס אפיאני איז דיין פיינד געוועזן?

מארינעלי. איך פערצייהע דער שמערץ־ליידענדער מוטער.

— קומט, גנעדיגע פרוי — אייער טאכטער איז דא אין איינעם פון די נעקסטע צימערן, און האט זיך, האפענטליך, פון איהר שרעק באלד אין גאנצען ערהאָלט. דער פּרינץ אליין איז מיט די צערטליכסטע זאָרגפאלט ארום איהר בעשעפטיגט.

קלאודיא. ווער? ווער אליין?

מאַרינעלי. דער פּרינץ.

קלאודיא. דער פּרינץ. — זאגט מיר דעם אמת, דער פּרינץ? אונזער פּרינץ?

מאַרינעלי. וועלכער דען?

קלאודיא. נו, דאן! איך, אונגליקליכע מוטער! — און איהר פאטער! איהר פאטער! — ער וועט פערשילטען דעם טאג פון איהר געבורט. ער וועט מיך פערשילטען.

מאַרינעלי. אום גאָטעס ווילען, גנעדיגע פרוי! וואס פאלט אייך דען איין?

קלאודיא. עס איז קלאהר! — איז עס ניט? — היינט, אין'ם טעמפּעל! פאר די אויגען פון די פרומסטע! אין דער נעהנ־טערער געגענוואַרט פון'ם אויבּיגען! — האט דער פערברעכען אנ־געהויבען; דא האט עס אויסגעבראכען! (געגען מאַרינעלי.) הא, מערדער! פיינער אונגליקליכער מערדער! ניט העלד גענוג, מיט איינע־נע הענד צו ערמאָרדען, אבער געמיין ניט־ווירדיג דאס אויסצופיהרען מיט פרעמדע הענד! — צו לאזען מאָרדען! — דו פּסולת פון אלע מערדער! עהרליכע מערדער וועלן דיך אונטער זיי ניט דולדען! דיך! דיך! דען ווארום זאל איך ניט מיין גאנצע גאַל און מיין גאנצען גיפט מיט איין איינציגען ווארט, דיר אין געזיכט ארייננשפּייען? דיר, דיר, דו אונפערשעהמטער!

מאַרינעלי. איהר זייט צומישט, אויפגערעגט, גוטע פרוי — אבער, וועניגסטענס מעסיגט אייער געשריי, און בעדענקט אוואו איהר זיינט.

קלאודיא. וואו איך בין? בעדענקען וואו איך בין? — וואס קימערט עס דער לייבין ביי וועלכער מען האט די יונגע אוועק־נערויבט, אין וועמעס וואלד זי ברילט?

עמיליע. (פון אינעווענינ.) הא! מיין מוטער! איך הער מיין מוטערס קול!

קלאודיא. איהר שטימע? דאס איז זי! זי האט מיך דערהערט, זי האט מיך דערהערט. און האב איך ניט בעדארפט שרייען? -- וואו ביזטו, מיין קינד? איך קום, איך קום!

(לויפט אריין אין צימער, מארינעלי נאך איהר.)

פ ע ר ט ע ר אַ ק ט.

(די זעלבע סצענע.)

ערשטער אויפטריט.

דער פרינץ. מארינעלי.

ד ע ר פ ר י נ ץ. (ווי פון עמיליע׳ס צימער ארויסקומענדיג.) קומט נאר, מארינעלי! איך מוז זיך ערהאָלען — און מוז פון אייך ער־פאהרען ווי עס האלט.

מ א ר י נ ע ל י. אָה! די מוטערליכע וואוטה! הא! הא! הא!

ד ע ר פ ר י נ ץ. איהר לאכט?

מ א ר י נ ע ל י. ווען איהר וואָלט געזעהן, פרינץ, ווי משוגע זי האט זיך דא געצאפעלט, אין דיעזען זאאל — איהר האט דאך איהרע געשרייען געהערט? — און ווי פלאָך איז זי מיט אמאל גע־ווארען, ווען זי האט אייך נאר דא דערזעהן — — הא! הא! — דאס וויים איך צו גוט, דאס קיין מוטער ועט א פרינץ די אויגען ניט אויסקראצען, ווייל ער געפינט איהר טאכטער פאר שעהן.

ד ע ר פ ר י נ ץ. איהר זייט א שלעכטער בעאבאכטער! — די טאכטער איז אָהנמעכטיג איהר מוטער אין די ארמס אריינגעפאלען. איבער דעם האט די מוטער פערגעסען אן איהר וואוטה, אבער ניט צו־ליעב מיר. איהר טאכטער האט זי געשוינט אבער ניט מיך, ווען זי האט עס ניט קלעהרער, ניט דייטליכער געזאגט — דאס וואס איך אליין וואלט ליבערשט ניט געוואלט הערען, ניט געוואלט פערשטעהן.

מ א ר י נ ע ל י. וואס, גנעדיגער הערר.

ד ע ר פ ר י נ ץ. צו וואס פערשטעלען זיך? ארוים מיט לשון. איז עס אמת? אדער ס׳איז ניט?

מארינעלי. און ווען עס וואלט יא געווען?

דער פרינץ. ווען עס וואלט יא געווען? — אלזא, איז עס? — ער איז טוידט? איז טוידט? — (מיט א דראָהענדע מינע.) מאַרינעלי! מאַרינעלי!

מארינעלי. נו!

דער פרינץ. ביי גאט! בײ'ם אלעם גערעכטיגען גאט! איך בין אונשולדיג אין דיזע בלוט. — ווען איהר וואלט פריהער געזאגט דאס ס'וועט דעם גראף קאסטען דאס לעבען — ניין, ניין! און ווען עס וואלט מיר אליין דארפען קאסטען דאס לעבען!

מארינעל. ווען איך וואלט אייך עס פריהער געזאגט? — פונקט ווי זיין טוידט וואלט געווען ביי מיר אין פּלאן אויסגערעכענט! איך האב עס אַנדשעלאָ'ן אנגעזאגט, צו פערהיטען פון פערשאפען וועל־בע לייד צו וועמען. עס וואלט אויך אבגעלאפען אהן די קלענסטע גע־וואלד־טהאט, ווען ניט דער גראף אליין וואלט זיך די ערשטע גוואלד־טהאט ערלויבט. ער האט געשאָסען, געקנאלט, ביז ער האט איינעם אומגעבראכט.

דער פרינץ. ס'איז אמת, ער האט געדארפט פערשטעהן א שפּאס!

מארינעלי. אנדשעלאָ איז דאן געווארען אויפגעבראכט, און האט פאר זיין פריינד זיך נוקם געווען —

דער פרינץ. געוויס, דאס איז זעהר נאטירליך!

מארינעלי. איך האב עס איהם גענוג אבגערעדט

דער פרינץ. אבגערעדט? ווי פריינדשאפטליך! ווארנט איהם, דאס ער זאל זיך אין מיין געביעט ניט לאזען צייגען. מיין פער־באָט וועט, פיליכט, ניט זיין אזוי פריינדשאפטליך.

מארינעלי. זעהר גוט! | איך און אנדשעלאָ, פאָרזאץ און צופאל; עס איז אלץ איינס. — כאטש עס איז א פריהער פער־

שפּראכען געוואָרען, דאס איך זאל קיין שולד ניט טראגען אין די אונ־גליקספעלע, וועלכע וואלטען געקענט אין אזא פאל פּאסירען —

דער פּרינץ. וועלכע האבען דא געקענט פּאסירען, זאגט איהר? אדער וועלכע האבען דא געזאלט פּאסירען?

מארינעלי. נאך בעסער? — דאך, גנעדיגער הערר, — איידער איהר געהט עס מיר זאגען מיט טרוקענע ווערטער, פאר וואס איהר האלט מיך — לאזט עס מיר נאר אייך ערקלעהרען! דעם גראף'ס טויט איז מיר ניט מעהר ווי גלייכגילטיג. איך האב איהם ארויסגעפאדערט; ער איז מיר געבליבען שולדיג גענוגטואונג. דאס ניט ערפילענדיג, איז ער פון דער וועלט אוועק, און מיין כבוד בלייבט בעליידיגט. כ'גיעב צו דאס אונטער אלע אנדערע אומשטענדען פער־דין איך דעם פערדאכט וועלכען איהר האט געגען מיר, אבער אויך דען געגען דיזען! — (מיט א געמאכטע היץ) ווער עס קען אזוי פון מיר דענקען! —

דער פּרינץ. (נאכגעבענדיג) נו גוט, נו גוט —

מארינעלי. וואלט ער נאר געלעבט! אָה, וואלט ער נאך געלעבט! אלץ, אלץ אין דער וועלט וואלט איך דארום געגעבען — (ביטער) אפילו די גנאדע פון מיין פּרינץ, — דיזע אונשעצבארע קיינמאל ניט לייכטנעהמענדע גנאדע, וואלט איך דארום געגעבען!

דער פּרינץ. איך פערשטעה,... נו גוט, נו גוט! זיין טוידט איז געווען א צופאל, א בייזער צופאל. איהר פערזיכערט עס און איך גלויב אייך דאס. — אבער ווער נאך קען עס גלויבען! אויך די מוטער? אויך עמיליע? אויך די וועלט?...

מארינעלי. ניט אזוי לייכט.

דער פּרינץ. און אויב מ'וועט דאס ניט גלויבען, אָ, וואס וועט מען יא גלויבען? — איהר ציהט מיט די אקסלען? — אייך אנדשעלא וועט מען פאר'ן ווערקצייג האלטען און מיר פאר דעם וואס האט'ס געטאהן. —

מארינעלי. (נאך קעלטער) עס איז גענוג וואהרשיינליך.

דער פרינץ. מיך! מיך אליין! אדער איך מוז פון איצט אן מיין האפנונג אויף עמיליע'ן אויפגעבען.

מארינעלי. (העכסט גלייכגילטיג) וואס איהר ווֹאלט אויך געמוזט, ווען דער גראף וואלט נאך געלעבט. —

דער גראף. (העפטיג אבער זיך גלייך ווידער פאסענדיג) מארינעלי! — איהר זאלט מיר דאך ניט ווילד מאכען. — אזוי איז'ס, ס'איז טאקי אזוי! און דאס מיינט איהר דאך נאר צו זאגען דערמיט, אז דעם גראף'ס טוידט איז פאר מיר א גליק, דאס גרעסטע גליק וואס מיר האט נאר געקענט טרעפען, — דאס איינציגע גליק וואס קען מיין ליעבע נוצען בריינגען, און אלס אזא, — האט עס געמעגט געשעהן, ווי עס וויל! — א גראף מעהר אדער א גראף וועניגער אין דער וועלט! זאל איך אייך האלטען מיט דעם גערעכט, פארשטעה איך די זאך גוט? — הא! אויב איך דערשרעק זיך ניט פאר א קליינעם פערברעכען — אבער, גוטער פריינד, ס'מוז זיין א קליינער, שטילער פערברעכען, א קליינער, היילבארער פערברעכען, אבער זעהט נאר, אונזער פערברעכען דא איז גראד ניט קיין שטילער, און אויך ניט אזא וואס לאזט זיך היילען. ער האט אפילו דעם וועג אפגעראמט, אבער צו דער זעלבער צייט פערשפארט איהם, יעדער איינער וועט עס אונז אין פנים ווארפען, און הלואי וואלטען מיר עס ניט בעגאנגען. — דאס איז דאך אלץ אייער וואונדערבארע אויפטהועכץ צו פערדאנקען!

מארינעלי. אז איהר בעפעהלט אזוי —

דער פרינץ. טא וואס דען? — דבורים וויל איך הערען!

מארינעלי. מ'שרייבט שוין צו אויף מיין רעכנונג וואס געהערט דארט גאר ניט אן.

דער פרינץ. דבורים וויל איך הערען!

מארינעלי. נו, דאן! וואס ליעגט דען אזוי אין מיין אויפ־

טהועבען? ווייל דיעזער איינפאַל ווארפט א קענטיגען חשד אויף דעם פּרינץ? אין דער הויפּטזאַך איז עס טאַקי אזוי! איהר אליין זייט געוועזען אזוי גנעדיג זיך מיט מיינע פּלענער צו פעראייניגען.

דער פּרינץ. איך?

מארינעלי. ערלויבט מיר אייך צו זאגען, דאס דער שריט וועלכען איהר האט געמאכט היינט אין דער פריה אין קירכע — מיט אזוי פיעל אנשטענדיגקייט געמאכט — וועלכען איהר האט אונפער־מיידליך געמוזט מאכען — דאס דיזער שריט געהערט אויך אין גאנ־צען ניט אין טאנץ אריין.

דער פּרינץ. וואס האט ער דאס אזוי איבערגעפיהרט?

מארינעלי. געוויס, ניט דעם גאנצען טאנץ, אבער דאך דעם טאקט.

דער פּרינץ. הם! פערשטעה איך אייך?

מארינעלי. אלזא, קורץ און איינפאך: ווען איך האב די זאך איבערגענומען, ניט אמת, דאן האט נאך עמיליע פון דעם פּרינץ'ס ליעבע גאר ניט געוואוסט? עמיליע'ס מוטער האט נאך וועניגער גע־וואוסט, ווען איך האב געבויט אויף דיזען אומשטאנד? און דער פּרינץ האט דערווייל דעם פונדאמענט פון מיין געביידע אונטערגעגראבען!

דער פּרינץ. (קלאפּענדיג זיך איבער'ן שטערן.) שלימזל!

מארינעלי. ווען איהר האט אליין פערראטען וואס איהר האט ארומגעטראגען בסוד?

דער פּרינץ. פערדאמטער איינפאל!

מארינעלי. און ווען איהר אליין וואלט עס ניט פער־ראטהען? אדרבה, איך וואלט עס געוואלט וויסען, פון וועלכע פּלע־נער מיינע האבען מוטער און טאכטער געקענט ציהען א חשד אויף אייך?

דער פּרינץ. זאלט איהר האבען רעכט?

מאַרינעלי. מיט דעם טהו איך געוויס זעהר אונרעכט — איהר וועט מיר פערציייהען, גנעדיגער הערר —

צווייטער אויפטריט.

באַטיסטאַ. דער פּרינץ. מאַרינעלי.

באַטיסטאַ (אין איילעניס.) נאר־וואס איז די גרעפין אנ־געקומען אהער.

דער פּרינץ. די גרעפין? וואס פאר א גרעפין?

באַטיסטאַ. אָרסינאַ.

דער פּרינץ. אָרסינאַ? — מאַרינעלי! ... אָרסינאַ? — מאַרינעלי!

מאַרינעלי. איך ווער פון דעם ערשטוינט ניט וועניגער ווי איהר?

דער פּרינץ. געה, לויף, באַטיסטאַ; זי זאל פון וואגען ניט אראב. איך בין ניטא, פאר איהר בין איך ניטא. זי זאל זיך אין דיזען בליק צוריקקעהרען, געה, לויף! — (באַטיסטא געהט אב.) וואס וויל די נאר? וואס אונטערשטעהט זי? ווי ווייסט זי דאס מיר זיינען דא? זאל זי אונז האבען נאכגעשפּירט? זאל זי שוין האבען וואס געהערט? אָה, מאַרינעלי! רעדט דאך, ענטפערט דאך! — זייט איהר בעליידיגט, איהר, וועלכער האלט זיך פאר מיין פריינד? און צוליעב אן אונבעדייטענדען איבעררייד בעליידיגט? זאל איך אייך אום פערצייהונג בעטען?

מאַרינעלי. אָה, מיין פּרינץ! אז איהר זייט ווידער איהר אליין, בין איך מיט דער גאנצער נשמה ווידער אייערער! — דער אנקומען פון אָרסינאַ איז מיר אויך א רעטהזעל פּונקט ווי אייך. דאך, אבווייזען וועט זי זיך קוים לאזען פון דאנען. וואס ווילט איהר טאָהן?

דער פּרינץ. דורכאויס מיט איהר ניט צו ריידען, זיך צו ערווייטערן —

מאַרינעלי. גוט! און געשווינד נאר. איך וועל איהר מקבל פנים זיין —

דער פּרינץ. אבער בלויז אום איהר ווייטער צו שיקען — ווייטער גיעט זיך מיט איהר ניט אָב. מיר האבען אנדערע זאכען דא צו טהאן —

מאַרינעלי. דאך ניין, פּרינץ! דיזע אנדערע זאכען זיינען נעטהאן. פאסט זיך דאך מוטה! וואס עס פעהלט נאָך וועט שוין געוויס קומען פון זיך אליין, — אבער, הער איך דאָ שוין ניט איהר קול? — איילט אייך פּרינץ! דאָ (צייגענדיג אויף א צימער אין וועלכען דער פּרינץ געהט אריין) אויב איהרווילט, וועט איהר אונז קענען הערען. — איך האָב מורא, כ'האב מורא, זי איז ניט אין איהר בעסטע צייט ארויסגעפאָהרען.

דריטער אויפטריט.

גרעפין אָרסינא. מארינעלי.

אָרסינא. (פון אנפאנג ניט בעמערקענדיג מארינעלי'ן) וואס איז דאס? — קיינער קומט מיר ניט אנטקעגען, אויסער א אונפערשעמטער, וועלכער האט גאר געוואלט מיך ניט אריינלאזען? איך בין דאך אין דאָזאלא? אין דער זעלבער דאָזאלא, וואו עס פלעגט מיך זאנסט א גאנצע מחנה בעשעפטיגטע דיענער אנטקעגענלויפען? וואו עס פלעגט מיך זאנסט ערווארטען ליעבע און ענטציקונג? דער ארט איז דערזעלביגער אבער, אבער! — זעהט נאר, מארינעלי! — זעהר גוט וואס דער פּרינץ האט אייך מיטגענומען. — ניין, ניט גוט! דאס וואס איך האב מיט איהם אויסצוגלייכען, וואלט איך עס נאר מיט איהם אליין וועלן טאָהן. — וואו איז ער?

מאַרינעלי. דער פּרינץ, גנעדיגע גרעפין?

אָרסינא. ווער דען אנדערש?

מארינעלי, אלזא דענקט איהר ער איז דא? איהר ווייסט דאס ער איז דא? — ער וועניגסטענס, ערוואַרט דא די גרעפין אָרסינא ניט.

אָרסינא. ניט? אלזא האט ער היינט אין דער פריה מיין בריעף ניט ערהאַלטען?

מארינעלי. אייער בריעף? דאך יא! איך דערמאַן זיך, ער האט וועגען אייערן א בריעף דערמאַנט.

אָרסינא. נו? האב איך איהם ניט אין דעם בריעף געבעטען צו טרעפען זיך היינט דא אין דאָזאַלא? ס'איז אמת עס האט איהם ניט בעליעבט צו ענטפערן מיר שריפטליך, אָבער איך האב ערפאַהרען דאָס ער איז אין אַ שטונדע אַרום אָבגעפאָהרען אהער. איך האָב געגלויבט אז דאָס איז גענוג אַן פּערטענג און איך קום עס איצט.

מארינעלי. א זאָנדערבאַרער צופאַל!

אָרסינא. צופאַל? -- איהר הערט דאָך אז עס איז אָבגערעדט געוואָרען; אזוי גוט ווי אָבגערעדט. פון מיין זייט דער בריעף, פון זיין זייט די טהאַט. — ווי ער שטעהט דאָ אזוי, דער הערר מאַרקיז! וואָס פאַרא פּנים ער מאַכט! וואונדערט זיך דאָס מח'ל? און איבער וואָס?

מארינעלי. געסטערן האָט עס געשיינט צו זיין אזוי ווייט; דעם פּרינץ פאַר די אויגען קיינמאל ווידער ניט צו קומען. —

אָרסינא. אַ בעסערע עצה קען קומען איבער נאַכט. — וואו איז ער? וואו איז ער? וואס קומט דא פאָר? ער איז אין'ם צימער, וואו איך האב דאס שרייען און טומעל געהערט? — איך האב געוואלט אריינגעהן, אבער דער אונפערשעהמטער דיענער האט מיר דעם וועג פערשטעלט.

מארינעלי. מיין ליעבסטע, בעסטע גרעפין —

אָרסינא. ס'איז געווען א פרויען־געשריי. וואס קומט דא פאָר, מאַרינעלי? — אָה, זאגט מיר דאך, זאגט מיר דאך — אויב

איך בין ניט אנדערש ווי אייער ליעבסטע, בעסטע גרעפין — פערדאַמטע הויפּישע געזינדעל! וויפיעל ווערטער, אזוי פיעל ליגענס! — נו, וואס מאכט עס אויס, צו איהר וועט עס מיר זאגען א פריהער צו ניט? איך וועל דאס שוין זעהן. (וויל געהן.)

מאַרינעלי. (האלט זי צוריק.) וואוהין?

אָרסינא. וואו איך האב שוין לאנג בעדאַרפט זיין! — דענקט איהר, דאס עס פאַסט זיך, דא אין פאַרזאאל מיט אייך אין ווערטהלאזע ויכוחים זיך אריינלאָזען, אין דער צייט ווען דער פרינץ ווארט אויף מיר אין זאאל?

מאַרינעלי. איהר האט א טעות גנעדיגע פרוי, דער פרינץ ערוואַרט אייך ניט. דער פרינץ קען דא מיט אייך ניט ריידען — וויל מיט אייך ניט ריידען.

אָרסינא. און איז דאך דא? און איז דאך דא דורך מיין בריעף?

מאַרינעלי. ניט דורך אייער בריעף.

אָרסינא. וועלכען ער האט דאך ערהאלטען, זאגט איהר.

מאַרינעלי. ערהאלטען, אבער ניט געלעזען.

אָרסינא. (העפטיג.) ניט געלעזען? — (וועניגער העפטיג.) ניט געלעזען? — (וועהמוטהיג און א טרעהר פון אויג אויסווישענדיג.) ניט צומאָל געלעזען?

מאַרינעלי. אויס צושטרויאונג, כ'וויס עס, אבער ניט פון פעראכטונג.

אָרסינא (שטאָלץ.) פעראכטונג?... ווער דענקט דערפון? — וועמען ברויכט איהר דאס צו זאגען? איהר זייט אן אונפערשעהמ־טער טרייסטער, מאַרינעלי!... פעראכטונג! פעראכטונג! מיך פער־אכטעט מען אויך! מיך!... (שוואכער, ביז צו א שווערמוטהיגען טאָן.) געוויס ליעבט ער מיך ניט מעהר. דאס איז בעשטימט, און אויף דעם אָרט פון דער ליעבע האט איצט אין זיין נשמה עפּעס אנדערש פערנומען.

דאס איז נאַטירליך. אבער וואָרום דען דוקא פּעראַכטונג? עס דאַרף ניט זיין מעהר ווי גלייכגילטיגקייט. ניט אמת, מאַרינעלי?

מאַרינעלי. געוויס, געוויס.

אַרסינא. (מיט שפּאָט.) געוויס? אָה, דער חכמ'דיגער מענש, וועלכען מ'קען מאַכען צו זאָגען וואָס מען וויל נאָר! — גלייכגילטיגקייט! גלייכגילטיגקייט אויף דעם פּלאַץ פון ליעבע?... דאס הייסט, גאָרנישט אויף'ן פּלאַץ פון עפּעס. לערנט זיך דאָך, נאַכפּלוידערנדער האָף־מענשעל. לערנט זיך פון א פרוי צו וויסען, דאס גלייכגילטיגקייט איז אַ פּוסטער וואָרט, א בלויזער קלאַנג, וועלכער זאָגט גאָרנישט, אבער טאַקי גאָרנישט. גלייכגילטיג איז די נשמה נאָר געגען דאס, פון וועלכעס זי דענקט ניט; נאָר צו א זאַך וואָס איז פאַר איהר קיין זאַך ניט. און, גלייכגילטיגקייט צו א זאַך, וואָס איז קיין זאַך ניט, — דאס איז אזוי גוט ווי גאָר ניט גלייכגילטיג. — איז דאס צו הויך פאַר דיר, מענש?

מאַרינעלי. (פאַר זיך.) אָה, וועה! ווי אמת עס איז, דאס וואָס איך האָב מורא געהאַט!...

אַרסינא. וואָס מורמעלט איהר דאָ?

מאַרינעלי. לויטער בעוואונדערונג! — און ווען מען איז עס ניט בעקאַנט, גנעדיגע גרעפין, דאָס איהר זייט א פילאָזאָפין?

אַרסינא. ניט אמת? — יאָ, יאָ, איך בין א פילאָזאָפין. — אבער, האָב איך דאס איצט געלאָזט מערקען, דאס איך בין דאס?

— אָ, פּפוי, אויב איך האָב'ס געלאָזט מערקען, און אויב איך האָב עס פריהער אָפט געלאָזט מערקען! איז עס נאָך א וואונדער וואָס דער פּרינץ פעראַכטעט מיך? ווי קען א מאַן ליעבען א זאַך, וועלכע געגען זיין ווילען וויל אויך דענקען? א פרויענצימער וואָס דענקט, איז פּונקט אזוי עקעלהאַפט ווי א מאַן וואָס פאַרבט זיך. לאַכען זאָל זי! ניט מעהר ווי לאַכען, און שטענדיג, דעם שטרענגען העררן, דעם שעפּפער צו ערהאַלטען אין גוטער לוינע... נו, איבער וואָס לאַך איך דען

דא, מארינעלי? — אה, יא, געוויס! איבער'ן צופאל, איך שרייב דעם פרינץ ער זאל קומען אין דאזאלא; דער פרינץ לעזט ניט איבער מיין בריעף און קומט דאך אין דאזאלא! הא! הא! הא! הא! געוויס א זאנדערבארער צופאל! זעהר לוסטיג, זעהר נאריש! און איהר לאכט ניט מיט, מארינעלי? — מיטלאכען קען דאך אויך דער שטרענג־סטער הערר, דער שעפפער, כאטש מיר ארעמע בעשעפעניסען טארען ניט מיט־דענקען. — (ערנסט און מיט א בעפעהלענדען טאן.) אלזא לאכט דאך!

מארינעלי. גלייך, גנעדיגע גרעפין, גלייך!

ארסינא. דער אויגענבליק געהט באלד אוועק. ניין, ניין, לאכט נאר ניט. — דען זעהט נאר, מארינעלי, (נאכדענקענדיג ביז צו ריהרונג.) דאס וואס מאכט מיר אזוי הערצליך לאכען — האט אויך זיין ערנסטע זייט, זעהר ערנסטע זייט. ווי ס'קען אזוי אלעס פאסי־רען? — צופאל? א צופאל איז דאס געווען, דאס דער פרינץ האט גאר ניט געדענקט מיט מיר צו ריידען, און דאך, מוז מיט מיר דא ריי־דען? א צופאל? — גלויבט מיר, מארינעלי; דאסווארט צופאל איז א לעסטערונג פאר גאט. קיין זאך ניט אין דער וועלט איז צופאל — אם ווענינגסטענס דאס, פון וועלכע די אבזיכט שיינט אזוי קלאהר אין די אויגען. — אלמעכטיגע, אלגיטיגע השגחה, פערגיעב מיר, וואס איך האב דא מיט דיזען נארישען בעל־עבירה גערופען צופאל דאס וואס איז אזוי געוויס דיין ווערק, דיין אונפערמיידליבע ווערק! — (האסטיג געגען מארינעלי.) קומט און ברענגט מיר נאך אמאל צו א לעסטערונג!

מארינעלי. (פאר זיך.) דאס געהט שוין ווייט! — אבער, גנעדיגע גרעפין...

ארסינא. שטיל מיט'ן אבער! די אבערס קאסטען איבער־לעגונג — און מיין קאפ! מיין קאפ (זיך האלטענדיג מיט'ן האנד דעם שטערן.) — זעהט נאר, מארינעלי, מאכט, איך בעט אייך, אז איך זאל וואס גיכער מיט איהם ריידען, מיט'ן פרינץ, זאנסט בין איך עס

גאָר ניט אים שטאנד... איהר זעהט, מיר דארפען איינער מיט'ן אנ־דערן ריידען; מיר מוזען ריידען...

פערטער אויפטריט.

דער פרינץ. אָרסינא. מאַרינעלי.

דער פרינץ. (פון קאבינעט ארויסקומענדיג, צו זיך אליין.) איך מוז איהם קומען צו הילף. —

אָרסינא. (דערזעהט איהם, אפער בלייבט אונענטשלאָסען צו זאל ו איהם צוגעהן אדער ניט) הא! דאָ איז ער.

דער פרינץ. (געהט קווער איבער'ן צימער פערביי איהר צו די אנדערע צימערן, ניט אבשטעלענדיג זיך ביי'ם ריידען) זעה נאר! אונזער שעהנע גרעפין. — ווי זעהר בעדויער איך דאס, מאדאם, וואס איך קען פון אייער בעעהרענדען בעזוך אזוי ווייניג נוץ מאכען! איך בין בעשעפטיגט. איך בין ניט אליין. — איין אנדערסמאל, מיין ליעבע גרעפין! אן אנדערסמאל. — איצט האלט זיך לענגער ניט אויף. יא, ניט לענגער! און איהר, מארינעלי, איך ווארט פאר אייך. —

פינפטער אויפטריט.

אָרסינא. מאַרנעלי.

מארינעלי. נו, האט איהר עס שוין פון איהם אליין גע־הערט, גנעדיגע גרעפין, וואס איהר האט מיר ניט געוואלט גלויבען!

אָרסינא. (ווי בעטויבט) האב איך? האב איך ווירקליך?

מארינעלי. ווירקליך.

אָרסינא. (גערי‌הרט) „איך בין בעשעפטיגט.“ „איך בין ניט אליין.“ איז דאס די גאנצע ענטשולדיגונג וואס איך פערדיען? וועמען פטר'ט מען ניט אב מיט דעם? יעדען איבערלעסטיגען; יעדען בעטלער. פיר מיר קיין איינציגען ליגען מעהר? קיין איינציגען קליינעם

ליגען מעהר פאר מיר? — בעשעפטינגט? און מיט וואס דען? ניט אליין? ווער זאל דאס ביי איהם זיין! ? — קומט מארינעלי! פון רחמנות וועגען, ליעבער מארינעלי! אט גיעט מיר צו א ליגען אויף אייער אייגענעם רעכנונג. וואס קאסט אייך דען א ליגען? — וואס האט ער צו טאהן? ווער איז דא ביי איהם?... זאגט עס מיר, זאגט מיר, וואס אייך פאלט צוערשט אריין אין מויל, — און איך געה.

מארינעלי. (פאר זיך) מיט דיזער בעדינגונג קען איך איהר דאך א טהייל פון דער ווארהייט אויסזאגען.

ארסינא. נו? געשווינד, מארינעלי, און איך געה. אויסער דעם האט דער פרינץ דאך שוין געזאגט: „אן אנדערסמאל, מיין ליעבע גרעפין!" האט ער ניט אזוי געזאגט? אום ער זאל מיר ווארט האלטען; און ער האט דאך ניט קיין אויסרייד מיר ניט צו האל־טען ווארט. — געשווינד, מארינעלי, אייער ליגען אהער, און איך געה.

מארינעלי. דער פרינץ, ליעבע גרעפין, איז ווירקליך ניט אליין. עס זיינען ביי איהם דא לייטע, פון וועלבע ער קען זיך קיין אוי־גענבליק ניט דערוויטערן. לייטע, וועלבע זיינען נאר־וואס נצול געווא־רען פון א גרויס געפאהר. דער גראף אפיאני. —

ארסינא. איז ביי איהם? א שאד וואס איך דארף אייך כאפען ביי דיזען ליגען. געשווינד אן אנדערן. — דען, גראף אפיאני, אויב איהר ווייסט עס נאך ניט, איז נאר־וואס פון רויבער דערשאסען געווארען. דער וואגען מיט זיין טויטען קערפער האט מיך בעגעגענט נאהענט פון שטאדט. — אדער איז דאס ניט ער? האט עס מיר זיך בלויז גע'חלום'ט?

מארינעלי. ליידער ניט בלויז גע'חלום'ט? — אבער די איבעריגע, וועלבע זיינען געווען מיט'ן גראף, האבען זיך גליקליך אהער אין שלאס גערעטעט. נעמליך; די כלה און דער כלה'ס מוטער, מיט וועלבער ער איז עס געפאהרען נאך סאביאנעטא; צו פראווען די חתונה.

אָרסינא. אלזא די? די זיינען דאס ביי'ם פּרינץ? די כלה? און דער כלה'ס מוטער? — איז די כלה שעהן?

מארינעלי. דעם פּרינץ אינטערעסירט שטארק איהר אונגליקספאַל.

אָרסינא. איך וויל האָפען, אויך ווען זי איז העסליך, דען איהר שיקזאל איז שרעקליך. — ארעמע גוטע מיידעל. גראַדע דאַן ווען ער האט געזאלט אויף אימער דיינער ווערען, ווערט ער פון דיר אויף אימער אוועקגעריסען! ווער איז זי דען, דיזע כלה? קען איך זי פילייכט? — איך בין אזוי לאנג פון שטאדט דאס איך וויים פון קיין זאך ניט.

מארינעלי. ס'איז עמיליע גאלאָטי.

אָרסינא. ווער? — עמיליע גאלאָטי? — עמיליע גאלאָטי? — מארינעלי! זאל איך דיזען ליגען ניט נעהמען פאר אַן אמת?

מארינעלי. וואס מיינט איהר?

אָרסינא. עמיליע גאלאָטי?

מארינעלי. וועלכע איהר מוזט געוויס ניט קענען...

אָרסינא. דאך? דאך? ווען ס'וואלט נאר געוועזן פון היינט. — אין ערענסט, מארינעלי? עמיליע גאלאָטי?... עמיליע גאלאָטי, איז דאס די אונגליקליכע כלה וועמען דער פּרינץ טרויסט עס?

מארינעלי. (צו זיך) זאל איך איהר שוין האבען געזאגט צו פיעל?

אָרסינא. און דער גראף אַפּיאני איז דאס געוועזן דער חתן פון דיזער כלה; דער נאר־וואס דערשאָסענער אַפּיאני?

מארינעלי. אזוי איז עס.

אָרסינא. בראוואָ! אָ, בראוואָ! בראוואָ! (פּאטשט מיט די הענד.)

מארינעלי. וואס איז דאס?

אָרסינא. איך וואלט איהם געקושט, דעם טייפעל, וועלכער האט איהם דערצו געפיהרט!

מארינעלי. וועמען? געפיהרט? צו וואס?

אָרסינא. יא, קושען, קושען וואלט איך איהם. — און ווען אפילו איהר אליין, מארינעלי, וואלט דיזער טייפעל געוועזן.

מארינעלי. גרעפין!

אָרסינא. קומט נאר אהער! קוקט מיר נאר אָן גוט, אויג אין אויג!

מארינעלי. נו?

אָרסינא. ווייסט איהר ניט וואס איך דענק?

מארינעלי. ווי קען איך דאס?

אָרסינא. האט איהר ניט קיין חלק אין דעם?

מארינעלי. אין וואס?

אָרסינא. שווערט זיך! ניין, שווערט זיך ניט. איהר קענט דא נאך אן עבירה בעגעהן. — אדער אפשר יא! שווערט זיך נאר. איין עבירה מעהר אדער וויינינגער, פאר איי"עם וואס איז שוין סיי ווי פערדאמט — האט איהר אין דעם קיין חלק ניט?

מארינעלי. איהר דערשרעקט מיך, גרעפין.

אָרסינא. געווים? — נו, מארינעלי, טהוט אייער גוט הארץ גאר ניט חושד זיין?

מארינעלי. וואס? וועלכעס?

אָרסינא. גוט, — אלזא וועל איך אייך עטוואס פערטרויען — עטוואס, וועלכעס וועט אייך אייער האָאר אויף'ן קאפ מאכען אויפשטעלען. — אבער דא, אזוי נאהנט ביי'ם טיהר, קען נאך אונז אימעצער הערען. קומט אהער — און? (לייגט צו דעם פינגער צום מויל.) הערט נאר, הערט נאר א סוד! א סוד (רוקט־צו איהר מויל נאהנט צו זיין אויער ווי זי וואלט איהם געוואלט איינרוימען, שרייט אבער אויס אין דער הויך) דער פרינץ איז א מערדער!

מארינעלי. גרעפין,... גרעפין... זייט איהר משוגע?

אָרסינא, משוגע? הא! הא! הא! (לאכענדיג פון פאר־לען הארצען.) זעלטען, אדער נאך קיינמאל בין איך ניט געוועזן אזוי צופרידען מיט מיין פערשטאנד ווי איצט גראדע — ניש'קשה, מארינעלי —אבער ס'זאָל צווישען אונז בלייבען — (אין דער שטיל.) דער פרינץ איז א מערדער! דער מערדער פון גראף אפּיאני! דעם האָבען ניט רויבער אומגעבראכט, נאר העלפערס־העלפער פון'ם פרינץ.

מארינעלי. ווי קען אזא אבשייליכע זאך אייך נאר אין מויל, אין געדאנקען קומען?

אָרסינא. ווי? — גאנץ נאטירליך. — מיט דיזער עמיליע גאלאָטי, וועלכע איז איצט ביי איהם — וועמעס חתן האט זיך געמוזט פון דער וועלט אוועקשארען. — מיט דיזער עמיליע גאלאָטי, האט דער פרינץ היינט אין דער פריה אין דער האלע פון דער דאָמעניקאנער קירכע א לאנגען און ברייטען געשפּרעך געהאט. דאס ווייס איך; דאס האבען מיינע מרגלים געזעהן. זיי האבען אויך געהערט, וואס ער האט מיט איהר גערעדט. — נו, גוטער הערר? בין איך משוגע? מיר דאכט זיך, איך גראם נאך צוזאמען ריכטיג וואס עס געהערט נאר איינס אנאנדער. — אדער קען עס אויך גראדע זיין א טראף? איז דאס ביי אייך אויך א צופאל? אָ, מארינעלי, אויב אזוי, פערשטעהט איהר זיך אויף די שלעכטסקייט פון די מענשען פונקט אזוי שלעכט ווי אויף דער השגחה.

מארינעלי. גרעפין, איהר וועט זיך אייער האלז אָפּריידען.

אָרסינא. ווען איך זאל עס נאך צו אנדערע דערצעהלען — טאקי בעסער אזוי! — מארגען וועל איך עס אויסרופען אויף'ן מארק — און ווער עס וועט מיר ווידערשפּעכען... ווער עס וועט מיר ווידערשפּרעכען, יענער איז דאס דער חבר פון'ם מערדער.... זייט מיר געזונד! (וויל אוועקגעהן. ביי'ם טיהר בעגעגענט זי דעם אלטען גאלאָטי, וועלכער איז אייליגסט אריינגעקומען.)

זעקסטער אויפטריט.

אָדאַאַרדאָ גאַלאָטי. די גרעפין. מאַרינעלי.

אָדאָאַרדאָ גאַלאָטי. פערצייהט מיך, גנעדיגע פרוי —

אָרסינא. איך האב דא גאר ניט צו פערצייהען, דען דא אין הויז האב איך גאר ניט וואס צו זאגען — צו דיזען הערר ווענדט זיך. (אנצייגענדיג אויף מאריכעלי'ן.)

מאַרינעלי. (איהם דערזעהענדיג, צו זיך אליין.) נו, ענדליך! דער אַלטער!

אָדאָארדא. פערצייהט, מיין הערר, א פאטער וועלכער איז אין די גרעסטע בעשטירצונג, — וואס ער איז ניט אנמעלדענדיג זיך אריינגעקומען.

אָרסינא. פאטער? (קעהרט זיך אום צוריק.) פון עמיליע, גאר אהן צווייפעל. — הא, זייט ווילקאמען!

אָדאָארדא. א בעדיענטער איז מיר אנטקעגען געלאפען מיט דער נאכריכט דאס דא ארום זיינען די מייניגע אין געפאהר. איך בין געקומען צו לויפען און געהערט דאס גראף אַפּיאני איז פערוואונדעט געווארען און האט זיך צוריק אין שטאדט אומגעקעהרט; דאס מיין פרוי און טאכטער האבען זיך דא אין שלאָס גערעטעט. — וואו זיינען זיי, מיין הערר? וואו זיינען זיי?

מאַרינעלי. זייט רוהיג, הערר אָבערסט, אייער פרוי און טאכטער האט אויסער דאס שרעק, קיין אונגליק פאסירט. זיי זיינען ביידע געזונד. דער פרינץ איז מיט זיי, איך געה זיי גלייך מעלדען.

אָדאָארדא. וואָרום מעלדען? גאר מעלדען פריהער?

מאַרינעלי. צוליעב אורזאכען... צוליעב — דער פרינץ, איהר ווייסט דאך, הערר אָבערסט, ווי אייערע פערהעלטניסען זיינען מיט'ן פרינץ... ניט זעהר אויף'ן בעסטען אופן, ווי גנעדיג זיין בא־נעהמונג איז געגען אייער פרוי און טאכטער, — זיי זיינען דאך דאמען

— וועט איהם אבער אייער ערשיינען אויך זיין אנגענעהם?

אָדאָארדא, איהר זייט גערעכט, מיין הערר, איהר זייט גערעכט.

מארינעלי. אבער גנעדיגע גרעפין, — קען איך א פריהער האבען די עהרע אייך צו אייער וואגען בעגלייטען?

אָרסינא. ניין, אַ ניין.

מאַרינעלי. (זי ביים האנד ניט אונהעפליך אננעהמענדיג.) ערלויבט מיר מיין פליכט צו טאהן. —

אָרסינא. נאר געמאך! — איך בעפריי אייך, מיין הערר. אייערע מענשען מאכען שטענדיג די העפליכקייט פאר א פליכט, אום צו קענען בעטרייבען דאס נעבען־זאך! דיזען ווירדיגען מאן, וואס פריהער, וואס ליעבער אנצומעלדען... דאס איז אייער פליכט.

מאַרינעלי. פערגעסט איהר, דאס וואס דער פרינץ אליין האט אייך בעפוילען?

אָרסינא. זאל ער קומען און מיר נאך אמאל דאס בעפוילען. איך ערווארט איהם.

מאַרינעלי. (אין דער שטיל צום אָבערסטען וועלכען ער רופט אב אן א זייט.) מיין הערר, איך מוז אייך דא איבערלאזען מיט א דאמע, וועלכע דער... וועמעס פערשטאנד — איהר פערשטעהט מיך, איך זאג אייך דאס, אום איהר זאלט וויסען פיעל צו שטעלען אויף איהרע רייד, וועלכע זי בינדט אָפט צוזאמען זעהר זעלטזאם. דאס בעסטע איז, ווען איהר לאזט זיך מיט איהר ניט אריין אין קיין געשפרעך.

אָדאָארדאָ. זעהר גוט. — איילט זיך נאר, מיין הערר.

זיעבענטער אויפטריט.

גרעפין אָרסינא אָדאָארדא גאלאטי.

אָרסינא. (נאך א שטילשווייגען, אונטער וועלכען זי האט דעם אָבערסט מיט א מיטליידפולען בליק בעטראכט, און ער זי מיט א פלינקער נייגע-

ריגקייט.) וואס ער האט אייך אליץ דא געזאגט, אונגליקליכער מאן!

אַ ד אָ א ר ד א. (האלב פאר זיך האלב צו איהר זיך ווענדעניג.) אונ־גליקליכער?

אַ ר ס י נ א. אן אמת איז דאס געוויס ניט געווען, — אם ווענינגסטענס, איינער פון יענע אמת'ן וועלכע ווארטען אויף אייך...

אַ ד אָ א ר ד א. ווארטען אויף מיר? וויים איך דען ניט שוין גענוג? מאַדאם! — אבער רעדט נאר, רעדט נאר וויימער.

אַ ר ס י נ א. איהר וויסט גארנישט...

אַ ד אָ א ר ד א. גאַרנישט?

אַ ר ס י נ א. גוטער, ליעבער פאטער! — וואס וואלט איך ניט געגעבען, ווען איהר וואלט אויך מיין פאטער זיין! — פערצייהט מיך! די אונגליקליכע קייטלען זיך אזוי גערן איינער צום אנדערן. — איך וואלט גערן שמערץ און וואוטה מיט אייך זיך געטהיילט.

אַ ד אָ א ר ד א. שמערץ און וואוטה? מאַדאם! — אבער איך פערגעס... רעדט נאר וויימער.

אַ ר ס י נ א. ווען עס וואלט אפילו אייער איינציגע טאכטער, אייער איינציג קינד געווען! — און וואס איז די נפקא מינה צי ס'איז דאס איינציגע אדער ניט. דאס אונגליקליכע איז אימער די איינציגע.

אַ ד אָ א ר ד א. דאס אונגליקליכע? — מאַדאם! — וואס פערלאנג איך פון איהר?... דאך, ביי גאָט, אזוי רעדט ניט קיין משוגע'נע.

אַ ר ס י נ א. משוגע'נע? דאס איז דאך אלזא געווען וואס ער האט אייך פון מיר פערטרויט? — נו, נו, ס'קען לייכט זיין, ס'איז גע־וויס ניט איינער פון זיינע ערגסטע ליגענס. — איך פיהל זיך... און גלויבט מיר; גלויבט מיר: ווער עס פערלירט ניט דעם פערשטאנד צו־ליעב געוויסע זאכען, יענער האט ניט וואס צו פערלירען....

אַ ד אָ א ר ד א. וואס זאל איך דענקען?

אַ ר ס י נ א. אלזא פעראכטעט איהר מיך ניט? — דען אויך

איהר האט פערשטאנד, גוטער אלטער, אויך איהר — איך זעה עס אן דיזער ענטשלאָסענער, עהרווירדיגער מינע. אויך איהר האט פער־שטאנד... און, זאג איך נאך איין ווארט, — דאן האט איהר'ס ניט.

אָדאָארדא. מאדאם! מאדאם! איך האב איהם באלד שוין ניט מעהר, נאך איידער איהר וועט מיר דיזען ווארט זאגען, אויב איהר זאגט עס מיר ניט גלייך. זאגט עס! זאגט עס! אדער ס'איז אמת — ס'איז ניט אמת, דאס איהר זייט פון יענעם גוטען סאָרט וואהנזיננינגע, וועלכע פערדינגען אונזער מיטלייד... און אונזער אכ־טונג — איהר זייט א פראָסטע נארר, איהר האט ניט דאס וואס איהר האט קיין מאל ניט געהאט.

אָרסינא. אלזא, מערקט אייך נאר! — וואס ווייסט איהר, איהר וועלכער דענקט דאס איהר ווייסט שוין גענוג? דאס אפּיאני איז פערוואונדעט געווארען? בלויז פערוואונדעט? — אפּיאני איז טויט.

אָדאָארדא. טוידט! טוידט! — הא, פרוי, דאס איז געגען דעם אַברייד. איהר ווילט מיר אום מיין פערשטאנד ברענגען, און איהר ברעכט מיר גאר דאס הארץ.

אָרסינא. דאס איז א נעבען־זאך! — נאר ווייטער. — דער חתן איז טוידט; און די כלה — אייער טאכטער — ערגער ווי טוידט.

אָדאָארדא. ערגער? ערגער ווי טוידט? — אבער דאך אויך טוידט צו דערזעלבער צייט! דען איך ווייס בלויז איין ערגערע זאך...

אָרסינא. ניט אויך צוגלייך טוידט. ניין, גוטער פאטער, ניין! — זי לעבט, זי לעבט. זי וועט נאך ערשט איצט אַנפאנגען צו לעבען. — א לעבען פון פערגעניגען. דאס שעהנסטע, דאס לוסטיג־סטע לעבען,— אזוי לאנג ווי עס וועט נאר אנהאלטען.

אָדאָארדא. דעם ווארט, מאדאם, דעם איינציגען ווארט, וועלכער זאל מיך אום מיין פערשטאנד ברענגען! ארויס מיט

איהם! גיסט ניט אייערע טראָפּענס גיבּט איינציגווייז אין אן עמער. — דעם איינציגען ווארט! געשווינד!

אָרסינא. אלזא בוכשטאָבּירט עס; ציהט עס אויף צוזאמען!

— אין דער פריה האט דער פּרינץ מיט אייער טאכטער אין דער קיר־כע גערעדט; נאכמיטאג, האט ער זי שוין אין זיין לוסט־שלאָס...

אָדאָארדא. האָט מיט איהר גערעדט אין קירכע? דער פּרינץ מיט מיין טאכטער?

אָרסינא. מיט פּערטרויליכקייט! מיט התפּעלות! זיי האבען ניט קיין קליינע זאכען גיהאט אָבצוריידען. און — זעהר גוט. ווען ס'איז געוואָרען אבגערעדט! זעהר גוט! ווען אייער טאכ־טער האט זיך אהער פרייוויליג גערעטעט! דאן איז דאך דאס ניט מעהר קיין גוואלדזאמע ענטפיהרונג, נאר בלויז א קליינער, קליינער מויבעל־מאָרד.

אָדאָארדא. פּערלוימדונג! פּערדאמטע פּערלוימדונג! איך קען מיין טאכטער. אויב דאס איז מויבעל־מארד? דאן איז דאס אויך ענטפיהרונג. (בליקט ווילד ארום זיך, טופּעט מיט די פיס און לארעמט.) נו, קלאודיא? נו, מוטער'ל? — האבען מיר ניט דערלעבט נחת? אָה! דער גנעדיגער פּרינץ! אָה, די גאנץ־בעזונדערע עהרע!

אָרסינא. ווירקט עס אלטער? ווירקט עס?

אָדאָארדא. דא שטעה איך איצט פאר'ן רויבערס הויל, — (עפּענט פאנאנדער דעם ראָק פון ביידע זייטען און זעהט דאס ער האט ניט קיין געוועהר.) א וואונדער נאך, וואס איך האב פון איילענים אויך די הענד ניט פערגעסען מיט־צונהמען! — (טאפּט אין אלע טאשען ווי וואס זוכענדיג.) גארנישט! גארנישט! אין ערגעץ ניט!

אָרסינא. הא, איך פערשטעה! — דערמיט קען איך אויס־העלפען! דא, נעהמט נאר! נעהמט געשווינד, נאך איידער עימיצער זעהט עס. — אויך איך האב נאך וואס — גיפט. אבער גיפט

איז נאר פאר אונז פרויען, ניט פאר מענער. נעהמט עס! (דערלאנגט איהם א דאָלך.) נעהמט עס!

אָדאָאַרדא. איך דאנק אייך, איך דאנק אייך. — ליעבעס קינד. ווער עס וועט נאך אמאל וואגען צו זאגען דו ביזט א פערריקטע, א נארר, יענער וועט האבען מיט מיר צו טהאן.

אָרסינאַ. בעהאלט עס ביי זיך! געשווינד, בעהאלט עס! — מיר איז די געלעגענהייט פערבאָטען, אום צו קענען דערפון מאכען א געברויך. אייך וועט זי ניט פעהלען, דיזע געלעגענהייט, און איהר וועט עס אויסנוצען, די ערשטע, די בעסטע, — אויב איהר וועט זיין א מאַן, — איך בין נאר א פרויענצימער, אבער אזוי בין איך אהער געקומען! פעסט ענטשלאסען!... מיר, אלטער, מיר קענען זיך אלעס פערטרויען, דען מיר זיינען דאך ביידע בעלעדיגט, פון'ם זעלבען פערפיהרער בעלעדיגט... אָה, ווען איהר וואלט געוואוסט — ווען איהר וואלט געוואוסט ווי ווייט, ווי טיעף, ווי אונבעגרייפליך איך בין פון איהם בעלעדיגט געווארען און ווער עס אויך נאך איצט, איהר וואלט איבער דעם אייער אייגענע בעלעדיגונג פערגעסען. — קענט איהר מיך? איך בין אָרסינא, די בעטראגענע, פערלאָזענע אָרסינא, און פיילייכט אויך נאר צוליעב אייער טאכטער פערלאזען, — דאך, וואס איז אין דעם אייער טאכטער שולדיג? — באלד וועט זי אויך דאך זיין פערלאזען — און דאן ווידער נאך איינע... און ווידער נאך איינע! הא! (ווי אין ענטציקונג.) וואס פאר א הימעלשע פאַנטאזיע! ווען מיר אלע וועלען אמאַל, — מיר, די גאנצע מחנה פון פערלאָזענע, וועלען אין וואקכאנטקעס און אין העקסען פערוואנדעלט ווערן; ווען מיר אלע וואלטען איהם ביי זיך געהאט, איהם צוריסען, צופליישט, זיינע געדערים דורכגעטרייסעלט, אום דאס הארץ צו געפינען, וועלכע דער פעררעטהער האט יעדע איינע בעזונדער פערשפּראכען און צו קיין איינע ניט נעגעבען! הא! דאס וואלט געווען א טאנץ! דאס וואלט!

אַכטער אויפטריט.

קלאודיא גאלאָטי. די פאָריגע.

קלאודיא. (קוקט זיך ארום בייִ'ם אריינקומען, און ווי דערזעהט נאר איהר מאַן לויפט זי צו איהם צו.) געטראָפען!... אָה, אונזער בעשי־צער, אונזער רעטטער! ביזט דו דאס, אָדאָארדאָ? ביזט דו דאָ? — פון איהר שטילען וויספערן, פון איהרע מיענעס האָב איך דאס פער־שטאנען. — וואס זאָל איך דיר זאגען אויב דו ווייסט נאָך פון גאר ניט? און וואס זאָל איך דיר זאגען, אויב דו ווייסט שוין פון אלעם? — אבער מיר זיינען אונשולדיג. איך בין אונשולדיג, דיין טאָכטער איז אונשולדיג. אונשולדיג, אין אלעם אונשולדיג!

אָדאָארדאָ. (וועלכער האָט זיך געזוכט צו פאסען בייִ'ם אנבליק פון זיין פרוי.) גוט, גוט. זיי נאר רוהיג, נאר רוהיג, — און ענטפער מיר (צו אָרסינא זיך ווענדענדיג.) ניט, מאדאם... אזוי ווי איך וואָלט אין דעם נאָך געצווייפעלט, — איז דער גראף טויט?

קלאודיא. טויט.

אָדאָארדאָ. איז עס אמת, דאס דער פרינץ האָט היינט אין־דער־פריה מיט עמיליע'ן אין דער קירכע גערעדט?

קלאודיא. אמת. אבער ווען דו וואָלסט געוואוסט וואס פארא שרעק דאָס האָט איהר פאראורזאכט; אין וואס פארא בע־שטירצונג זי איז אהיים געקומען. —

אָרסינא. נו, האָב איך ליגען געזאגט?

אָדאָארדאָ. (מיט א ביטערן געלעכטער.) איך האָב אויך גאר ניט געוואָלט דאס איהר זאָלט דאס האָבען געטאָהן! פאר קיין פאל ניט!

אָרסינא. בין איך משוגע?

אָדאָארדאָ. (ווילד הין און צוריק ארומגעהענדיג.) אָה, איך בין'ס אויך נאָך ניט!

קלאודיא. דו האסט מיך בעפאָהלען רוהיג צו זיין און איך בין דאס. מיין בעסטער, מעג איך אויך דיר בעטען?

אָדאָארדא. ווילסט דו? בין איך ניט רוהיג? קען מען דען זיין רוהיגער ווי איך בין? — (זיך צווינגענדיג.) ווייס עס עמיליע דאס אפיאני איז טוידט?

קלאודיא. וויסען קען זי דאס ניט. כ'האב אבער מורא, זי שטויסט זיך אן, ווייל ער לאזט זיך ניט זעהן. —

אָדאָארדא. און זי קלאגט און יאָמערט...

קלאודיא. ניט מעהר. — דאס איז אריבער; ווי איהר נאטור, דו קענסט דאך איהר. זי איז די פורכטזאמסטע און ענטשלאָסענסטע אין אונזער משפחה.ביין ערשטען איינדרוק קיינמאל ניט מעכטיג, אבער נאך דער קלענסטער איבערלעגונג, פערליערט זי זיך אין קיין זאך ניט, איז אויף אלעס פערטיג. זי האלט דעם פרינץ פון ווייטען — זי רעדט צו איהם אין א טאָן — זעה נאר, אדאָארדא, מיר זאלען פון דאנען אוועק.

אָדאָארדא. איך בין געקומען רייטענדיג. — וואס טהוט מען? — דאך, מאדאם, איהר פאהרט דאך אין שטאדט צוריק?

אָרסינא. יא, געוויס.

אָדאָארדא. ווילט איהר אזוי גוט זיין, מיין פרוי מיט זיך צו נעהמען?

אָרסינא. ווארום ניט? זעהר גערן.

אָדאָארדא. קלאודיא, — (איהר פארשטעלענדיג די גרעפין.) גרעפין אָרסינא, זעהר א קלוגע דאמע, מיין פריינדין, מיין וואָהלטהעטערין. — דו מוזט מיט איהר אהיים פאהרען, אום אונז גלייך ארויסצושיקען דעם וואגען. עמיליע דארף ניט געהן צוריק נאך גוסטאלא, זי וועט געהן מיט מיר.

קלאודיא. אבער ... ווען נאר... איך שייד זיך אונגערן פון'ם קינד.

אָדאָארדא. בלייבט דער פאטער דען ניט נאהנט צו איהר? מ'וועט דאך איהם ענדליך צרלאזען. ניט מעהר וועגען דעם! קומט, גנעדיגע פרוי. (צו ארסינא אין דער שטיל.) איהר וועט פון מיר הערען. — קום, קלאודיא. (פיהרט זי אב.)

פינפטער אַקט.

(די זעלבע סצענע.)

ערשטער אויפטריט.

מאַרינעלי. דער פרינץ.

מאַרינעלי. דא, גנעדיגער הערר, פון דיזע פענסטער קענט איהר איהם זעהן. ער געהט אין קאָררידאָר הין און צוריק. אָט, פערנעהמט ער זיך; ער קומט — ניין, ער קעהרט זיך ווידער אום... ער איז נאך ניט אין גאנצען פעראייניגט מיט זיך. אבער אסך רוהיגער איז ער שוין — און אפשר שיינט ער בלויז דאס צו זיין? קיין אונטערשייד פאר אונז איז עס ניט! נאַטירליך! וואס־אויך־ניט די צוויי פרויען האָבען איהם אין קאָפּ אריינגעהאקט, וועט ער דאָס וואגען דען ארויסצוברענגען? — ווי באַטיסטא האט געהערט, דאַרף איהם זיין פרוי גלייך דעם וואגען ארויסשיקען; ווייל ער איז רייטענדיג אהער געקומען. — איהר וועט שוין באלד זעהן: אז ער וועט אייך איצט דערזעהן, וועט ער גאר הכנעה'דיג אייער דורכלויכט פאר דעם גנעדיגען שוץ דאנקען, וועלכען זיין פאַמיליע האט דא אין דיזען טרויעריגען אונגליקספאַל געפונען; וועט זיך, צוזאמען מיט זיין טאָכטער, אייערע ווייטערדיגע גנאַדען אנבאָטען; וועט זי רוהיג אין שטאדט ברענגען, און וועט מיט דער טיעפסטער אונטערוואַרפונג וואַרטען, צו וואס פאר א ווייטערען אנטהייל אייער דורכלויכט וועט בעליעבען צו נעהמען אין דעם שיקזאַל פון זיין אונגליקליכע פאמיליע.

דער פרינץ. און אז ער וועט אָבער ניט זיין אזוי פלאָך? און איך גלויב קוים אז ער וועט דאס זיין. איך קען איהם צו גוט. ווען ער וועט זיין חשד העכסטענס בלויז פערשטיקען, זיין וואוטה פערבייסען, עמיליען, אבער' אנשטאט צו פיהרען זי אין שטאדט, וועט ער זי מיט

זיך נעהמען? ביי זיך בעהאלטען? אדער אפשר גאר נאך וואו אין א קלויסטער פערשפארען, און אין אן אנדער לאנד נאך, דאן וואס?

מארינעלי. די שרקענדיגע ליעבע קוקט זעהר ווייט. גאנץ ריכטיג! — אבער ער וועט דאך ניט —

דער פרינץ. ווען אבער יא! וואס דאן? וואס וועט אונז דאן העלפען, וואס דער אונגליקליכער גראף האט צוליעב דעם זיין לעבען פערלארען?

מארינעלי. וואצו דיזע טרויעריגע געדאנקען? "פאר־ווערטס" דענקט דער זיעגער: עס מעג נעבען איהם פאלען פיינד אדער פריינד... און אז אפילו יא, פרינץ! ווען, דער אלטער בעל־מקנא, וועט אפילו טאָהן דאס וואס איהר האט מורא — (איבערלעגט זיך.) יא! איך האב עס! — ווייטער ווי צום וועלען זאל ער געוויס ניט ברענגען. געוויס ניט — אבער מיר דארפען איהם פון אויג ניט אבלאזען איצט! (געהט וויעדער צו צום פענסטער.) ער האט אונז שיער איבערראשט! ער קומט! — לאמיר איהם נאך אביסעל אויסמיידען, און הערט זיך איין צוערשט, פרינץ, וואס מיר וועלען מוזען טאהן אין פאל עס וועט זיין ווי מיר האבען מורא.

דער פרינץ. (סטראשענדיג.) אבער, מארינעלי!

מארינעלי. ניט קיין בייז. דאס אונשולדיגסטע וואס עס קען נאר געבען!

צווייטער אויפטריט.

אָדאָארדא גאלאָטי.

נאך קיינער ניטא? — גוט! איך וועל זיך דערווייל אביסעל מעהר בערוהיגען. ס'איז מיין גליק... קיין זאך איז ניט אזוי פערעכטליך ווי א ברויזענדער איינגעלשער קאפ מיט גרויע האָאר בעדעקט! איך האב עס זיך אזוי אָפט פארגעהאלטען, און דאך האב איך זיך געלאזען הינרייסען; און פון וועמען? פון אן אייפערזיכטיגע,

פון א פערריקטע אוים אייפערזוכט. וואס האט די געקרענקטע טוגענד צו טאהן מיט דער זינדיגער ראַכע? איך דאַרף נאר בלויז יענע רעטען. — און דיין קריוודע, מיין זוהן! — וויינען האב איך קיינמאל ניט געקענט — און וועל עס זיך איצט ניט לערנען... זיין קריוודע, וועט זיך א גאנץ אנדערער זיך אָננעהמען. פאר מיר איז גענוג, וואס דיין מערדער געניסט ניט די פרוכט פון זיין פערברעכען. — דאס מאַטערט איהם מעהר ווי דאס פערברעכען אליין! ווען עס וועלען איהם באלד, זאטקייט און עקעל, פון איין לוסט צו די צווייטע ארומטרייבען, דאן וועט איהם די עראינערונג פון דיזער אונבעפרידיגטער לוסט פערגאלען דעם גענוס פון אלע זיינע לוסטען! אין יעדען חלום וועט דער בלוטיגער חתן איהם פיהרען די כלה פאר'ן בעט. און ווען ער וועט מיט תאוה אויסשטרעקען נאָך איהר זיין אָרעם, וועט ער פלוצלונג דערהערען דעם העלישען שפאָט־געלעכטער און וועט זיך אויפכאפען!

דריטער אויפטריט.

מאַרינעלי. אָדאָארדא גאַלאטי.

מארינעלי. וואו זייט איהר געבליבען, מיין הערר? וואו זייט איהר געבליבען?

אָדאָארדא. איז מיין טאכטער דא געוועזען?

מארינעלי. ניט זי, נאר דער פרינץ.

אָדאארדא. פערצייהעט, — איך האב די גרעפין בעגלייט.

מארינעלי. נו?

אָדאָארדא. די גוטע דאמע?

מארינעלי. און אייער פרוי?

אָדאָארדא. איז געפאהרען מיט דער גרעפין, אום אונז

גלייך דעם וואגען ארויסשיקען. זאל נאָר דער פּרינץ ערלויבען, איך זאל דא מיט מיין טאָכטער פערבלייבען ביז דער וואגען וועט אנקומען.

מאַרינעלי. צו וואס די אלע אומשטענדען? וואלט דאס ביי'ם פּרינץ ניט געווען קיין פערגעניגען, זיי ביידען, דער מוטער און די טאכטער, אליין אין שטאדט צו ברענגען?

אָדאָארדא. די טאכטער, אם וועניגסטענס, וואלט זיך די דאָזיגע עהרע ניט ערלויבט.

מאַרינעלי. וואס מיינט איהר?

אָדאָארדא. זי'ט מעהר ניט געהן נאך גוסטאלא.

מאַרינעלי. ניין? און ווארום ניט?

אָדאָארדא. דער גראף איז טוידט.

מאַרינעלי. קען זי דאך גיכער —

אָדאָארדא. זי וועט געהן מיט מיר.

מאַרינעלי. מיט אייך?

אָדאָארדא. מיט מיר. איך זאג דאך, אז דער גראף איז טוידט. — אויב איהר ווייסט עס נאך ניט. — וואס האט זי דען נאך אין גוסטאלא צו טאָהן? — זי וועט געהן מיט מיר.

מאַרינעלי. געוויס וועט דער קינפטיגער אויפהאלטס-פּלאַץ פון דער טאָכטער זיין אין גאנצען אָבהענגיג אָן דעם ווילען פון'ם פאַ-טער, נאר צום ערשטען —

אָדאָארדא. וואס צום ערשטען?

מאַרינעלי. וועט איהר מוזען ערלויבען, הערר אָבערסט, דאס זי זאל געבראכט ווערען נאך גוסטאלא.

אָדאָארדא. מיין טאכטער? געבראכט ווערען נאך גוס-טאלא? און ווארום?

מאַרינעלי. ווארום? טרעפט נאר...

אָדאָארדא. (היציג.) טרעפען! טרעפען! איך טרעף, אז דא איז גאר נישט דא וואס צו טרעפען. — זי זאל, זי מוז מיט מיר געהן.

מאַרינעלי. אָה, מיין הערר — וואס דארפען מיר זיך צוליעב דעם שפּארען? עס קען זיין איך האב א טעות; אז עס איז גאר ניט נויטיג דאס וואס איך האלט פאר נויטיג. — דער פּרינץ וועט עס וויסען צו בעאורטהיילען אם בעסטען. דער פּרינץ וועט ענטשיידען. — איך געה איהם רופען.

פערטער אויפטריט.

אָדראָארדא גאלאָטי.

ווי? פאר קיין פאל ניט! מיר איינזאגען וואו זי זאל געהן? — פון מיר זי בעהאלטען? — ווער וויל דאס? — ווער וואגט עס? ווער איז דאס דער יעניגער וואס דארף דא אלעס וואס ער וויל? גוט, גוט, זאל ער טאקי זעהן אויך וויעפיעל איך דארף, כאטש כ'האב עס שוין ניט מעהר געדארפט. קורצזיכטיגער טיראַן! מיט דיר וועל איך זיך שוין אונטערנעהמען... ווער עס אכטעט ניט קיין געזעץ, איז פּונקט אזוי מעכטיג ווי דער וואס האט ניט קיין געזעץ. ווייסט דו דאס ניט? קום נאר! קום נאר! אבער, זעה נאר! שוין ווידער, שוין ווידער לויפט דער צאָרן צוזאמען מיט מיין פערשטאנד אוועק. וואס וויל איך? פריהער האט דאך געדארפט געשעהן, דאס איבער וואס איך שטורם דאָ. וואס קען א הויף־לעקער אלץ ניט פּלוידערן? און האלט איך איהם נאר לאזען פּלוידערן; וואלט איך דאך פון איהם געהערט די אורזאכע ווארום זי זאל צוריקקעהרען נאך גוסטאלא! — וואלט איך דאך שוין איצט געקענט זיין געפאסט מיט'ן ענטפער. און אויף וואס, אפילו, קען מיר אויספעהלען אן ענטפער? אבער אז עס וועט מיר יא פעהלען? אז עס! — מ'קומט. רוהיג, דו אלטער אינגעל, רוהיג!

פינפטער אויפטריט.

דער פרינץ מארינעלי אָדאָארדא גאַלאָטי.

דער פרינץ. אָה, מיין ליעבער, בראווער גאלאָטי — אויך דאס האט געמוזט פאסירען, דאס איך דארף אייך זעהן ביי מיר אין הויז. איהר טהוט עס געווים ניט צוליעב א קלייניגקייט, דאָך, קיינע פאָרווירפע!

אָדאָארדא. גנעדינער הערר, אין יעדען פאַל, האלט איך עס פאר אונאנשטענדיג פון יענע וועלכע שטופּען זיך צו זייער פירשט. ווען דער פירשט קען, וועט ער איהם שוין לאזען רופען, אויב ער וועט איהם נאר בעדארפען. זאָגאר איצט, בעט איך אום פערצייהונג —

דער פרינץ. ווי וואלט איך זיך געוואונשען, דיזע שטאָלצע בעשיידענהייט פון מאנכע אנדערע צו זעהן! דאָך, צו דער זאך. איהר וועט דאך זעהר נייגעריג זיין אייער טאכטער צו זעהן. זי איז איצט אין א נייע אונרוהיגקייט צוליעב דעם פּלוצלונגען אוועקגעהן פון איהר צערט־ליכע מוטער — און וואָצו דען דיעזער אוועקגעהן? איך האב נאר געוואַרט, דאס די ליעבענסווירדיגע עמיליע זאל זיך אין גאנצען ער־האָלען, אום ביידען צו ברענגען אין שטאדט מיט טריומפף. איהר האט מיר דיעזען טריומפף אויף א העלפט פערקלענערט, אין גאנצען אבער וועל איך איהם ניט לאזען אוועקנעהמען פון מיר...

אָדאָארדא. צו פיעל גנאדע! — ערלויבט מיר, פרינץ, מיין אונגליקליכעס קינד, די פערשיידענע קרענקונגען צו פערשפּאָרען, וועלכע ס'ווארטען אויף איהר אין גוסטאלא: סיי פון די פריינדס מיט־לייד, און סיי פון די שונאים'ס נקמה.

דער פרינץ. אוועקצונעהמען פון איהר די זיסע קרענקונג פון מיטלייד, און דערצו נאך, פון פריינד, איז א גרויזאמקייט. אבער דאס די פיינד און די נקמה זאלען איהר ניט דערגרייכען, דערפאר ליעבער גאלאטי, לאזט מיך שוין זארגען.

אַ ד אָ א ר ד א. פרינץ, די פאטער-ליעבע טהיילט זיך ניט גערן מיט איהרע זאָרגען. איך דענק אז איך ווייס די איינציגע זאך וואס פאר מיין טאכטער פּאסט זיך אין דעם איצטיגען צושטאנד. — דאס ערוויטערן זיך פון דער וועלט, — א מאָנאסטיר — אזוי שנעל ווי מעגליך.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. א מאָנאסטיר?

אַ ד אָ א ר ד א. ביז דאַן, זאל זי זיין אונטער דער השגחה פון איהר פאטער.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. אזוי פיעל שעהנהייט זאל אין א מאָנאסטיר פערבליהען? — דארף אן איינציגע ענטוישטע האָפנונג אונז נעגען דער וועלט אזוי אונפערצייהליך מאכען? — דאך, אין יעדען פאַל, דעם פאטער דארף קיינער ניט איינריידען, ברענגט אייך אייער טאכ־טער, גאַלאָטי, וואו איהר ווילט זיך.

אַ ד אָ א ר ד א. (ווענדט זיך צו מאַרינעלי׳ן.) נו, מיין הערר?

מ אַ ר י נ ע ל י. ווען אפילו איהר פאָדערט מיך אויף!...

אַ ד אָ א ר ד א. אָה, מיט גאָרנישט. מיט גאָרנישט...

ד ע ר פּ ר י נ ץ. וואס איז צווישען אייך ביידען?

אַ ד אָ א ר ד א. גאָרנישט, גנעדיגער הערר, גאָרנישט. — מיר פיהרען נאר אוים: ווער פון אונז האט אין אייך געהאט א טעות.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. וואס מיינט איהר? — ערקלעהרט דאך, מאַרינעלי.

מ אַ ר י נ ע ל י. עס טהוט מיר לייד, די גנאָדע פון מיין פירשט אין וועג צו קומען, דען די פריינדשאפט בעפעהלט, פאר אלצדינג אין אייך דעם ריכטער אויפצופאדערן —

ד ע ר פּ ר י נ ץ. וועלכע פריינדשאפט?

מ אַ ר י נ ע ל י. איהר ווייסט דאך, גנעדיגער הערר, ווי שטארק איך האב דעם גראף אַפּיאני געליבט; ווי שטארק אונזערע ביידענס נשמות זיינען געווען פערבונדען —

אַדאַארדא. דאס ווייסט, פּרינץ? אלזאָ ווייסט איהר דאס געוויס בלויז נאר אליין.

מארינעלי. ער אליין האט מיר פאר זיין גואל הדם גע־מאכט —

אַדאַארדא. אייך?

מארינעלי. פרעגט נאר אייער פרוי. מארינעלי, דער נא־מען מארינעלי איז געווען דער לעצטער ווארט פון'ם שטארבענדען גראף; און אין א טאָן האט ער עס ארויסגערעדט! אין א טאָן! און קיינמאל וועט דיזער טאָן ניט אויפהערען קלינגען אין מיינע אויערן, ביז וואנען איך וועל ניט אנווענדען אַלץ וואס מעגליך, דאס זיינע מערדער זאלען אויסגעזוכט ווערען און זייער שטראף בעקומען!

דער פּרינץ. איהר קענט אויף מיין שטארקסטע מיטוויר־קונג רעכענען.

אַדאַארדא. און מיינע הייסעסטע וואונשען! — גוט! גוט! — אבער וואס ווייטער?

דער פּרינץ. דאס פרעג איך, מארינעלי.

מארינעלי. מ'האט א פערדאכט אז דאס זיינען ניט גע־ווען רויבער וועלכע האבען דעם גראף בעפאלען.

אַדאַארדא. (שפּאָטיש) ניין? ווירקליך ניט?

מארינעלי. דאס א מיט־בעווערבער האט איהם געלאזען פון וועג אַבראמען.

אַדאַארדא. (ביטער) אַי! א מיט־בעווערבער?

מארינעלי. ס'איז נישט אנדערש.

אַדאַארדא. נו דאן, — גאָט, פערדאם דעם מויכעל־מער־דערישען באנדיט!

מארינעלי, א מיט־בעווערבער, און דערצו נאך א בעגינס־טיגטער מיט־בעווערבער.

אָדאָארדא. וואס? א בעגינסטיגטער? — וואס זאגט איהר?

מאַרינעלי. ניט מעהר ווי מען רעדט דערפון.

אָדאָארדא. א בעגינסטיגטער? פון מיין טאכטער בעגינסטיגט?

מאַרינעלי. דאס איז געוויס ניט... דאס קען ניט זיין. דאס ווידערשפּרעך איך, אייך צום טראָץ, — אדער, ביי אלעם דעם, גנעדיגער הערר, — דען דאס בעגרינדעטסטער פאָראורטהייל האט אויף דער וואָג פון גערעכטיגקייט קיין געוויכט ניט; — ביי דעם אלעם וועט מען זיך דאך ניט קענען אנדערש העלפען, אום די שעהנע אונגליקליכע אליין אויף'ן פערהער צו נעהמען.

דער פּרינץ. יא, געוויס, גאר אהן ספק.

מאַרינעלי. און וואו אנדערש, וואו קאן דאס אנדערש געשעהן, ווי אין גוסטאלא?

דער פּרינץ. מיט דעם האט איהר רעכט; מיט דעם האט איהר רעכט, מארינעלי. — יא, אזוי איז דאס — דאס מאכט די זאך אין גאנצען אנדערש, ליעבער גאלאָטי, ניט אמת? איהר זעהט דאך אליין...

אָדאָארדא. אָה, יא, איך זעה... איך זעה וואס איך זעה. — גאָט! גאָט!

דער פּרינץ. וואס איז אייך, וואס האט איהר אין געדאנק?

אָדאָארדא. מיך ערגערט בלויז דאס איך האב פאראויס ניט געזעהן וואס איך זעה דא איצט, ווייטער גארנישט — נו יא, זי זאל צוריק נאך גוסטאלא געהן. איך וועל זי ווידער צו איהר מוטער ברענגען, און ביז די שטרענגסטע אונטערזוכונג וועט איהר ניט בעפרייען, וועל איך אליין פון גוסטאלא ניט אוועקגעהן; דען ווער ווייס, — (מיט א ביטערן געלעכטער.) ווער ווייס אויב די גערעכטיגקייט וועט ניט געפינען פאר נויטיג אויך מיר צום פערהער צו שטעלען?

מ א ר י נ ע ל י. זעהר מעגליך! אין אזעלכע פאַלען טהוט די גערעכטיגקייט ליעבערשט צו־פיעל איידער צו־וועניג. — דעריבער האָב איך מורא זאגאר...

ד ע ר פ ר י נ ץ. וואס? וואס האט איהר מורא?

מ א ר י נ ע ל י. דאס מ'וועט ניט דערלאזען, אז די מוטער און די טאכטער זאלען צווישען זיך קענען רעדען.

אָ ד אָ א ר ד א. צווישען זיך ניט רעדען?

מ א ר י נ ע ל י. מען וועט זיין געצוואונגען די מוטער און די טאכטער צו שיידען

אָ ד אָ א ר ד א. די מוטער און די טאכטר צו שיידען?

מ א ר י נ ע ל י. די מוטער, די טאכטער און דעם פאטער. די פאָרמע פון פעריהער ערפאָדערט דיזע פאָרזיכטיגקייט, ווי שלעכט דאס קען זיך זיין, און עס טהוט מיר לייד, גנעדיגער הערר, דאס איך זעה מיך געצוואונגען, דאס אויסדריקליך פארצושלאָגען; וועניגסטענס, עמיליע'ן אין א בעזונדער בעוואהרונג צו ברענגען.

אָ ד אָ א ר ד א. בעזונדערע בעוואהרונג? — פרינץ! פרינץ! — דאך, יא, געוויס, געוויס. גאנץ ריכטיג; אין א בעזונדערע בעוואה־רונג! ניט, פרינץ? ניט?... אָה, ווי שעהן איז די גערעכטיגקייט! פאָרטרעפליך! (כאפט זיך שנעל צום טאַש וואו דער דאָלך איז.)

ד ע ר פ ר י נ ץ. (שמייכלענדיג צו איהם צוטרעטענדיג.) פאסט זיך, ליעבער גאלאָטי —

אָ ד אָ א ר ד א. (אן אזייט, די האנד ווידער לעדיג ארויסציהענדיג.) דאס האט זיין בעשיצענדער מלאך גערעדט!

ד ע ר פ ר י נ ץ. איהר אירט זיך, איהר פערשטעהט איהם ניט. איהר דענקט געוויס אונטער דעם וואָרט בעוואהרונג, א געפענג־ניס, א קערקער. ...

אָ ד אָ א ר ד א. לאזט מיר דענקען אזוי. איך בין רוהיג!

ד ע ר פ ר י נ ץ. ווער רעדט פון געפענגניס, מארינעלי! דא

קען מען די שטרענגקייט פון'ם געזעץ און די ריינע אונבעשאָלטענע טוּ־גענד לייכט פעראייניגען. אויב עמיליע מוז געבראכט ווערען אין א בעזונ־דערער בעוואהרונג, דאן ווייס איך שוין — די העכסט אנשטענדיג־סטע. ס'וועט זיין די הויז פון מיין קאנצלער — קיינער זאל דאס מיר ניט ווידערשפּרעכען, מארינעלי! איך אליין וועל איהר אהין ברענגען. איך וועל איהר איבערגעבען צו דער אויפזיכט פון איינע פון די העכסט ווירדיגסטע דאמען. יענע זאל מיר ערב זיין פאר איהר. — איהר געהט צו ווייט, מארינעלי, ווירקליך צו ווייט, אויב איהר ווילט פערלאנגען מעהר. — איהר קענט דאך, גאלאָטי, מיין קאנצלער גרימאלדי און זיין פרוי?

אָ ד אָ א ר ד א. אפילו די ליעבענסווירדיגע טעכטער פון דאס דאזיגע עדעלע פּאָאר קען איך. ווער קען זיי ניט? — (צו מארינעלי'ן) ניין, מיין הערר, גיעט דאס ניט צו. אויב עמיליע מוז בעוואהרט ווע־רען, דאן מוז זי דאס אין טיפסטען קערקער זיין. פאדערט עס שטארק, איך בעט אייך. — איך נארר איינער, מיט מיין בקשה! איך אל־טער שוטה! געוויס האט זי רעכט, די גוטע מכשפה: „ווער עס פער־ליערט איבער געוויסע זאכען דעם פערשטאנד ניט, יענער האט ניט וואס צו פערליערען!"

ד ע ר פ ר י נ ץ. איך פערשטעה אייך ניט. — מיין ליעבער גאלאָטי, וואס קען איך טאהן מעהר? — לאזט עס דערביי בליי־בען, איך בעט אייך. — יא, יא, אין הויז פון מיין קאנצלער! אהין זאל זי געהן, איך אליין ברענג זי דארט. און אויב מען וועט זי דארט ניט מיט די גרעסטע אכטונג בעגעגנען, דאן איז מיין ווארט קיין ווארט ניט. אבער זארגט ניט! עס בלייבט דערביי! דערביי בלייבט עס! איהר אליין, מיט אייך, קענט זיך טאהן ווי איהר ווילט; איהר קענט מיט אונז נאך גוסטאלא געהן, אדער איהר קענט זיך נאך סאביאָנעטא אומקעהרען, ווי איהר ווילט. עס וואלט לעבערליך געוועזען אייך

איינצוזאגען. — און נון, אויף ווידערזעהן, ליעבער גאלאָטי, קומט, מארינעלי, עס ווערט שפּעט.

אָ ד אָ א ר ד א. (וועלכער איז געשטאַנען טיעף אין געדאנקען פערזונקען.) ווי? קען איך אלזא מיט איהר גאר ניט רעדען? מיט מיין טאכטער? אפילו דאס אויך ניט? — איך לאז מיך אלעס געפאַלען. איך געפין עס אלעס גאנץ גוט און ריכטיג, די הויז פון א קאנצלער איז נאטירליכערוויזע א עיר־מקלט פאר דער טוגענד. אָה, גנעדיגער הערר, ברענגט נאר מיין טאכטער אהין, אין קיין אנדער פּלאַץ ווי נאר דארטען. — אבער איך וואלט זעהר גערן געוועזן, מיט איהר צו רעדען נאך בעפאָר. דעם גראף'ס טוידט איז איהר נאך אונבעקאנט, זי וועט גאר ניט קענען בעגרייפען ווארום מען שיידט זי אב פון איהרע עלטערן. אום איהר ד א ס ע ר ש ט ע אויף א מילדען אופן צו בעריכטען, און וועגען ד א ס צ ו ו י י ט ע צו בערוהיגען, — מוז איך רעדען מיט איהר, גנעדיגער הערר, איך מוז עס!

ד ע ר פּ ר י נ ץ. טו קומט אלזא —

אָ ד אָ א ר ד א. אָה, די טאכטער קען דאך אויך צו איהר פאַטער קומען. — דא, אונטער פיער אויגען, ווער איך מיט איהר גלייך פערטיג. שיקט זי מיר נאר, גנעדיגער הערר.

ד ע ר פּ ר י נ ץ. אויך דאס!... אָה, גאלאָטי, ווען איהר וואלט געוואלט מיין פריינד, מיין פיהרער, מיין פאטער ווערען! (דער פּרינץ און מארינעלי געהען אב.)

זעקסטער אויפטריט.

אָדאָארדאָ גאלאָטי.

(זיי נאכקוקענדיג. נאך א פּויזע.) ווארום ניט? — זעהר גערן! זעהר גערן! הא! הא! הא! — (קוקט ווילד ארום זיך.) ווער לאכט עס דא? — ביי גאט, איך גלויב, איך אליין האב'ס געטאהן,

גאנץ גוט! לוסטיג! לוסטיג! דאס שפּיעל קומט צו ענד. אזוי צי אזוי! — אבער... (פּויזע.) ווען זי זאל אבער זיין מיט איהם איינ־פערשטאַנען? ווען דאס זאל זיין ניט מעהר ווי אַן אלטעגליכער פּאָ־זען־שפּיעל? ווען זי זאל ניט ווערטה זיין, דאס וואס איך וויל פאר איהר טאָהן? — (פּויזע.) פאר איהר טאָהן? וואס וויל איך דען טאָהן פאר איהר? האב איך דען הארץ זיך דאס צו זאָגען?... איך דענק דא אזעלכעס! אזעלכעס, וואס לאזט זיך ניט מעהר ווי דענ־קען. — (קוקט ארויף צום הימעל.) דער, וועלכער האט איהר אונשול־דיג איין דעם דאזיגען אבגרונד אריינגעווארפען, זאל זי ווידער פון דארט ארויסציהען. וואס דארף ער מיין הילף דערצו? אוועק! (ער וויל געהן און זעהט עמיליע'ן אנקומען.) צו שפּעט! אָה,! ער וויל מיין הילף, ער וויל עס!

זיעבענטער אויפטריט.

עמיליע. אָדאָארדא.

עמיליע. ווי? איהר זייט דא, מיין פאטער? — און בלויז נאר איהר? און מיין מוטער? דא ניטא? — און דער גראף? דא ניטא?... און אזוי אונרוהיג זייט איהר, מיין פאטער?

אָדאָארדא. און דו מיין טאכטער ביזט אזוי רוהיג?

עמיליע. ווארום ניט, פאטער? — ענטוועדער עס איז קיין זאך פערלארען געגאנגען, אדער אלץ איז געגאנגען פערלארען. קע־נען זיין רוהיג, און מוזען זיין רוהיג... פיהרט עס ניט צום זעל־בען צוועק?

אָדאָארדא. אבער, ווי דענקסט דו איז דא דער פאל?

עמיליע. דאס אלעס איז פערלארען, — און דאס מיר מוזען דאך זיין רוהיג, מיין פאטער.

אָדאָארדא. און דו ביזט אויך רוהיג, ווייל דו מוזט

זיין רויג?... ווער ביזטו? א מיידעל? און דערצו נאָך, מיין טאָכ־
טער? אָ, עס דאַרף דער מאַנספּערזאָן און דער פאַטער פאר דיר זיך
שעהמען? אבער לאַז דאך הערען: וואס רופסטו אלעס פערלאָרען?
— ווייל דער גראַף איז טוידט?

עמיליע. און ווארום עפּעס טוידט? ווארום? — האַ!
פאַטער מיינער, איז אלזא אמת די גאַנצע שרעקליכע געשיכטע, וועלכע
איך האָב געלעזען אין די נאַסע, ווילדע בליקען פון מיין מוטער? וואו
איז מיין מוטער? וואו איז זי אוועק?

אָדאָארדא. זי איז אוועק פאָראויס און מיר וועלען איהר
נאָכפאָלגען.

עמיליע. וואס פריהער אלץ בעסער. דען ווען דער גראַף
איז טוידט, ווען צוליעב דעם איז ער טוידט — צוליעב דעם! וואס
פערבלייבען מיר נאָך דא? לאָזט אונז לויפען, פאָטער!

אָדאָארדא. לויפען? — וואס איז דא אזוי די געפאַהר?
דו ביזט, דו בלייבסט אין די הענד פון דיין רויבער.

עמיליע. איך בלייב אין זיינע הענד?

אָדאָארדא. און אליין! אָהן דיין מוטער, אָהן מיר.

עמיליע. איך אין זיינע הענד, אליין? — ס'וועט קיינ־
מאל ניט געשעהן, פאָטער! — אדער איהר זייט מיין פאַטער
ניט. — איך אין זיינע הענד, אליין?... גוט, לאָזט מיר נאָר,
לאָזט מיר נאָר. — איך וויל דאך זעהן ווער עס קען מיך האַלטען,
ווער עס קען מיר צווינגען... ווער איז דאס יענער מענש, וואס קען א
מענשען צווינגען!

אָדאָארדא. איך מיין דו ביזט רוהיג, מיין קינד.

עמיליע. איך בין עס. אבער וואס רופט איהר רוהיג זיין?
די הענד אין שויס אוועקלעגען? ליידען דאס וואס איז ניט נויטיג?
דולדען דאס וואס מען בעדאַרף ניט?

אָדאָארדא. האַ! דו דענקסט אזוי! לאָז מיר דיר ארומ־

נעהמען מיין טאכטער! איך האב עס אימער געזאגט: "די נאטור האט דער פרוי געוואלט מאכען פאר איהר מייסטערווערק. נאר זי איז פערקראַכען אביסעל אין אויסקלייבען די שטאָף; זי האט עס גענומען צו דעליקאט." זאָגסט איז ביי אייך אלעם בעסער ווי ביי אונז. — הא, אויב דאס איז דיין רוהיגקייט, דאן געפין איך אין איהר אויך מיינע! לאז מיר דיך ארומנעהמען, מיין טאכטער! בעדענק נאָר: אונטער דעם אויסרייד פון א געריכטליכע אונטערזוכונג — אך, דער טייפעלשער קאמעדיען־שפּיעל! — רייסט ער דיך ארויס פון אונזערע ארעמס און וויל דיך ברענגען צו גרימאלדי'ן.

עמיליע. רייסט מיך? ברענגט מיך? — וויל מיך ארויסרייסען, וויל מיך ברענגען; ער וויל! וויל! ריכטיג ווי מיר וואלטען גאר קיין ווילען ניט געהאט, פאטער!

אָדאָארדא. איך בין אויך געוועזן אזוי וויטהענד, דאס איך האב זיך שוין געכאפּט צו דיזען דאָלך (ציהט איהם ארויס.) אום איינעם פון די ביידע — ביידען! דורכצושטעכען דאס הארץ.

עמיליע. טהוט עס ניט, אום גאָטעס ווילען, פאטער מיינס! דיזע וועלט איז דאך אלץ וואס די זינדיגע מענשען פערמעגען. מיר, פאָטער, מיר גיעט דיזען דאָלך.

אָדאָארדא. קינד איינע, דאס איז ניט קיין האָאר־נאדעל.

עמיליע. דאן זאל פון דער האָאר־נאדעל ווערען א דאָלך, ס'איז אלץ איינס.

אָדאָארדא. וואס? אזוי וויט איז עס שוין געקומען? דאך ניט! דאך ניט! בעדענק זיך. — אויב דו האסט ניט מעהר ווי איין לעבען צו פערליערען.

עמיליע. און בלויז איין אונשולד!

אָדאָארדאָ. וועלכע איז העכער פון יעדער געוואלט. —

עמיליע. אבער ניט פון יעדער פערפיהרונג... געוואלט! געוואלט! ווער קען די געוואלט ניט טראָצען? וואס מען רופט גע־

איז בלויז א גאַרנישט; פערפיהרונג איז די אמת'ע געוואַלט — איך האב בלוט אין זיך, מיין פאטער, אזעלכע יונגע, ווארימע בלוט ווי יעדע איינע, אויך זיינען מיינע חושים — חושים. איך קען זיך ניט גאַראַנטירען, איך בין ניט פעסט גענוג. איך קען גרימאַלדיי'ס הויז, עס איז א הויז פון פערגעניגען. איין שטונדע דארטען, און אונטער מיין מוטער'ס השגחה — און אין מיין נשמה איז א געוויסער טומעל ענטשטאַנען, וועלכער האט געדויערט לאַנג, דורך שטרענגע שטודיען פו רעליגיאָן, דאס אין מיר צו בערוהיגען — פון רעליגיאָן! און נאך פון וואס פאר א רעליגיאָן? — ניט קענענדיג דאס ערגסטע צו פערמיידען, האבען טויזענד אין וואַסער געשפרונגען און זיינען געווארען מאַרטירער! גיעט מיר עס נאר, פאטער, גיעט מיר אט דעם דאַזיגען דאָלך! —

אָ ד אָ א ר ד א . און ווען דו וואלסט איהם געקענט, אט דעם דאַזיגען דאָלך!

ע מ י ל י ע . און אפילו ווען ניט! — אַן אונבעקאַנטער פריינד איז אויך א פריינד — גיעט מיר איהם, פאטער, גיעט מיר איהם.

אָ ד אָ א ר ד א . און אז איך וועל איהם דיר געבען — נאַ!

(ער גיעט עס איהר.)

ע מ י ל י ע . און אט! (אין בעגריעף מיט דעם זיך דורכצושטעכען. דער פאטער רייסט עס צוריק פון איהר האַנד ארויס.)

אָ ד אָ א ר ד א . זעה נאר, ווי האסטיג! — ניין, דאס איז ניט פאר דיין האַנד.

ע מ י ל י ע . ס'איז אמת. מיט א האָאר־נאדעל זאל איך — (זי זוכט אין די האָאר נאך איינע און טאפט דארט אַן א ראָזע.) דו ביזט נאך דא? ארונטער! דו געהערסט ניט אין די האָאר פון איינע — וועלכע מיין פאטער וויל איך זאָל עס ווערען!

אָ ד אָ א ר ד א . אָה, מיין טאכטער!

עמיליע. אָה, פאטער מיינער; אויב איך טרעף נאר וואס איהר האט אין זין !... דאך, ניין, דאס ווילט איהר דאך ניט. וואָרום מעדלעווועט איהר דען ?... (אין א ביטערן טאָן וועהרענד זי צופליקט די ראָזע.) אמאל האט נאך געקענט זיין אזא פאטער, וועלכער, אום זיין טאכטער פון שאנדע צו רעטען, האט איהר דעם ערשטען בעסטען שפּיז אין הארצען אריינגעזעצט — און איהר צום צווייטען מאל געשענקט דאס לעבען. אבער, אזעלבע טהאטען זיינען פון אמאל, אזעלבע פאָטערס זיינען היינט שוין מעהר ניטא !

אָדאָארדא. דאך, מיין טאכטער, דאך ! (שטעכט זי דורך.) גאָט, וואס האב איך געטאהן ? (זי הויבט אן צו זינקען און ער האלט זי פעסט אין זיינע אָרעמס.)

עמיליע. א ראָזע אבגעפליקט איידער דער שטורם האט איהרע בלעטלעך אבגעריסען, — לאזט מיך קושען דיזע פאטערליכע האנד.

אכטער אויפטריט.

דער פּרינץ. מאַרינעלי און די פאָריגע.

דער פּרינץ. (ביים אריינקומען.) וואס איז דאס ? פיהלט עמיליע ניט גוט ?

אָדאָארדא. זעהר גוט, זעהר גוט !

דער פּרינץ. (נעהנטער קומענדיג.) וואס זעה איך ? — אָה, שרעקליך !

מאַרינעלי. וועה איז מיר !

דער פּרינץ. גרוזאמער פאטער, וואס האט איהר געטאהן?

אָדאָארדא. א ראָזע אבגעפליקט, איידער דער שטורעם האט איהרע בלעטלעך אבגעריסען. — איז עס ניט געוועזן אזוי, טאכטער מיינס ?

עמיליע. ניט איהר, מיין פאטער — איך אליין — איך אליין —

אָדאָארדא. ניט דו, מײַן טאכטער! ניט דו! פערלאז ניט די וועלט מיט א ליגען. ניט דו, מיין טאכער! דיין פאטער, דיין אונגליקליכער פאטער!

עמיליע. אָה, — מיין פאטער! — (זי שטארבט. ער לעגט איהר זאַנפט אנידער אויפ'ן באָדען.)

אָדאָארדא. געה זיך דיין וועג! — נו, פּרינץ! געפעהלט זי אייך נאך איצט? רייצט זי נאך אלץ אייער קוסט? אין דיזען בלוט נאך ליגענדיג, וועלכעס שרייט געגען אייך נאך ראַכע? (נאָך אַ פּויזע.) אבער איהר ערווארטעט דאך, ווי דאס אלץ וועט זיך ענדיגען? איהר ערווארט פיעלייכט, דאס איך וועל דעם דאלך ציעלען אליין געגען זיך, און מיין טהאט ענדיגען ווי א פוסטע טראגעדיע? — איהר האט אבער א טעות. דא! (ווארפט דעם דאָלך צו זיינע פיס.) דא ליעגט ער דער בלוטיגער עדות פון מיין פערברעכען! איך געה זיך אליין איבער־געבן אין געפענגנים; איך געה און ערווארט אייך אלס מיין ריכטער. און דאַן, דארטען — ערווארט איך אייך פאר דעם ריכטער פון אונז אלעמען!

דער פּרינץ. (נאך א קורצען שווייגען, בעטראכטענדיג עמיליעס קערפּער מיט עקסטאַז. צו מאַרינעלי'ן.) הויב איהם אויף! — נו, ביזט זיך נאך מישב? — אונגליקליכער!... (רייסט איהם דעם דאָלך פון האַנד ארויס.) ניין. דיין בלוט זאל זיך מיט דיזע בלוט ניט מישען. — געה אוועק, פערבאָרג זיך וואו אויף אויביג!... געה! זאג איך. — גאָט! גאָט! — איז עס ניט גענוג אונגליק פאר פיעלע, דאס פּרינצען דאר־פען אויך זיין מענשען, מוזען זיך נאך אויך טייוואָלים פאַר זייערע פריינד פערשטעלען?